STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02323

DI FROY IN DER GEZELSHAFT

Katherina Yevzerov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטהעק „בילדונג“

דיא פרוי אין דער געזעלשאפט

פון

דר. קאטהערינא יעווזעראָוו

ארויסגעגעבען פון דער גרופע זשערמינאל

אינהאַלטס־פערצייכניס.

	זייטע
בילד פון פערפאַסער	5
אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער	7
פאָרוואָרט	8
די פרויען־פראַגע	9
די פרוי ביי די ווילדע און פרימיטיווע פעלקער	20
די פרוי אין אַלטען גריכענלאַנד	35
די פרוי אין אַלטען רוים	47
די פרוי אין מיטעלאַלטער	58
די פרוי אין דער נייער צייט	70

דר. קאטהערינא יעווזעראוו

א וואָרט פון די ארויסגעבער

מיט דיזען ביכעלע וועלכער ליגט פאַר אייך, פאַנגען מיר אָן אונזער שריפטליכע טהעטיגקייט. אונזער אויפגאַבע וועט זיין, ווי אונזער ביבליאָטהעק צייגט אָן, „בילדונג“.

און מיר גלויבען דאָס מיר זיינען אַם פּלאַץ און אין צייט.

טראָץ דעם וואָס די לעצטע צייט האָבען זיך זעהר שטאַרק פערמעהרט אידישע פובלישערס און אידישע „פובליקאַציעס“, אָבער מעהרסטענס זיינען עס — מיט וועניג אויסנאַהמען — ביזנעס אונ־טערנעהמונגען. דאָס ערשטע וואָס די פובלישערס האָבען אין זינען איז, אַז די זאַך זאָל זיך בעצאָהלען. אונזער אויפגאַבע וועט זיין דאַרום אַרויסצוגעבען אַזעלכע ביכער, וואָס פון אַ געשעפט־שטאַנד־פונקט וואָלטען זיך אונזערע פובלישער ניט געכאַפּט צו דעם, אָבער פאַר דער אויפקלעהרונג פון דער אידישער מאַסע זיינען זיי זעהר נויטיג.

מיר ווילען דאַרום האָפען אַז דאָס לעזענדע פובליקום וועט אַנערקענען אונזער לייסטונג און וועט אונז מיטהעלפען אין דער פערברייטונג פון דיזער שריפט, ווי אויך פון די ווייטערדיגע; און אויף אַזאַ אופן בייטראָגען צום אַלגעמיינעם פראָגרעס.

די אַרויסגעבער.

פאָרוואָרט

די ערשטע פינף קאפיטלען פון דיזען ביכעל זיינען ערשיענען אין דער „פרייע געזעלשאפט“ פון יאהר 1900. אויפ'ן פערלאנג פון די גענאסען ארויסגעבער, האב איך זיי יעצט איבערגעשריעבען, עטוואס געענדערט, און — איך האף — פערבעסערט; איך האב אויך צוגעגעבען דעם 6־טען קאפיטעל. דער געגענשטאנד איז, מיינער מיינונג נאך, זעהר א וויכטיגער, און פערדיענט בעהאנדעלט צו ווערען פיעל ברייטער, אבער אין דעם בעגרענצטען פלאץ פון א קליינע בראשורע איז דאס, נאטירליך, אונמעגליך. איך וויל דא פערצייכענען די קוועלען, מיט וועלכע איך האב זיך בענוצט אין מיין שרייבען, און אנצייגען אויף זיי די לעזער, וועלכע אינטערעסירען זיך מיט דיזען געגענשטאנד, און ווילען איהם גענויער שטודירען:

Catt, Mrs. C. Chapman. The Woman's Century Calendar.
Du Chaillu, Paul. The Vikings.
Gibbons. Rise and Fall of the Roman Empire.
Grote. History of Greece.
Лавровъ, П. Л. Опытъ Исторіи Мысли.
Le Tourneau. Sociology.
Lubbock, Sir John. Prehistoric Times; The Origin of Civilization.
McLennan. The Patriarchal Theory.
Morgan, L. H. Ancient Society.
Ploss, Dr. H. Das Weib.
Ratzel, Dr. F. Völkerkunde.
Шашковъ, С. Историческія Судьбы Женщины.
Westermarck, E. Geschichte der Ehe.

און איניגע צייט־שריפטען.

ק. י.

ניו יארק, מאי, 1907.

1.

די פרויען־פראגע.

איינע פון די וויכטיגסטע פראגען, וועלכע האבען בעשעפטיגט פיעלע מוחות אין פערלויף פון לעצטען יאהרהונדערט איז די פראגע וועגען די שטעלונג וואס די פרוי דארף פערנעהמען אלס א מיט־גליעד פון דער געזעלשאפט. מען האט וועגען דעם גערעדט און געשריעבען זעהר פיעל, און די אויסגעשפראכענע מיינונגען זיינען געוועזען כמעט אזוי צאהלרייך און פערשיעדען, ווי די צאהל פון מענשען וואס האבען זיך בעשעפטיגט מיט דער פראגע. איין זאך איז אבער זיכער — אום צו האבען א פערנינפטיגע מיינונג וועגען דער שטעלע וואס די פרוי דארף פערנעהמען אין דער געזעלשאפט, מוז מען צוערשט לערנען די לאגע פון דער פרוי אין דער אורגעזעל־שאפט, די שטעלע וואס זי פערנעהמט ביי די ווילדע און בארבא־רישע פעלקער, אין די אלטע ציוויליזאציאנען, אין מיטעלאלטער און אין פערשיעדענע לענדער אין אונזער אייגענער צייט.

מיר וועלען זעהן, אז ביי ווילדע וועלכע שעצען געוועהנליך פיזישע קראפט העכער ווי יעדע אנדערע אייגענשאפט, ווערט די פרוי, דארט וואו זי איז שוואכער פון דעם מאן, בעטראכט פאר א נידעריגערע בריאה, פאר א זאך וואס מען קען קויפען און פער־קויפען, אויסנוצען און אוועקווארפען, אדער זאגאר אויפעסען, ווען עס טויג ניט מעהר אויף עטוואס אנדערעס. און פערקעהרט, ביי יענע פעלקער, וואו די פרויען צייכענען זיך אויס מיט שטארקייט, (ווי צ. ב. ש., ביי די ווילדע אין דאהאמיי און אין אנדערע פלעצער.

ווי מיר וועלען שפּעטער דערצעהלען), האָבען די מענער גרויס רעספּעקט פאַר זיי. דאָס זעלבע זעהען מיר אין פיעלע אַלטע ציווי־ליזאַציאָנען און אין די מזרח־לענדער היינט. וואו די פרויען ווערען ערצויגען צו זיין נור אַ שפּיעלצייג פאַר'ן מאַן, נור צו בעפריעדיגען זיינע געשלעכטליכע בעדירפניסע — דאָרט האָבען זיי קיינע רעכטע און פריוויליעגיען, קיין בעדייטענדען געזעצליכען אָדער געזעלשאַפטליכען שטאַנד. פערקעהרט, וואו די פרוי אַרבייט און לעבט זעלבסטשטענדיג און זאָרגט פאַר איהר פאַמיליע, ווי צ.ב.ש. אין אַלטען עגיפּטען, ווערט זי געשעצט און געאַכטעט און האָט פיעלע געזעלשאַפטליכע רעכטע פון וועלכע איהר האַרעם־שוועסטער האָט גאָר קיין בעגריף ניט.

עס וועט אויך זיין וויכטיג צו לערנען דעם איינפלוס פון פערשיעדענע פאָרמען פון עהע־לעבען (הייראַטה) אויף דער געזעל־שאַפטליכער לאַגע פון דער פרוי. די פּאָליגאַמי (וואו איין מאַן האָט פיעלע ווייבער) איז קיינמאָל ניט גינסטיג פאַר דער פרוי, ווייל אין דער פאָרמע הייגגען אָב פיעלע פרויען און קינדער פון דער שטיצע פון איין מאַן, און ווערען איהם צו לאַסט און איבערדרי־סיג. (אַזוי האָט די פּאָליגאַמי אין טירקיי צוריקגעהאַלטען די געזעל־שאַפטליכע ענטוויקלונג פון דער פרוי ביז הייגטיגען טאָג.)

אונטער דעם צושטאַנד פון פּאָליאַנדרי (איין פרוי האָט פיעלע מענער) איז געוועזען די בעריהמטע פעריאָדע פון מוטער־רעכטע (מאַטריאַרכאַט) און די גאָלדענע צייטען פון דער פרוי'ס סאָציאַלער לאַגע. אין גריכענלאַנד האָט דער העטעריזמוס („פריינדליכע" היי־זער פון פרויען, וועלכע האָבען זיך אָבגעגעבען צו שעהנהייט און ליעבע), צו אַ געוויסער צייט, געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער לאַגע פון פרויען, דורך די אַכטונג וואָס זיי האָבען זיך צוגעצויגען מיט זייער בילדונג און דרייסטקייט, ווי מיר וועלען וועגען דעם ריידען שפּעטער.

די אַרט און ווייזע ווי די פרוי ווערט פערבונדען מיט'ן מאַן האָט אַ שייכות צו איהר לאַגע אין דער געזעלשאַפט. ווען דער וויל־דער גנב'עט אָדער רויבט פאַר זיך אַ ווייב, טהוט ער דאָס ניט אויס



אַ חתונה־צערעמאָניע ביי די אַלטע אויסטראַליער.

ראָמאַנטישער ליעבע, — ער זוכט נור צו בעפריעדיגען אַ נויט־ווענדיגקייט; און די גע׳גנב׳עטע אָדער גערויבטע ווייב לעקט ניט קיין האָניג אין איהר מאַן׳ס הויז. וואו די פרוי ווערט געקויפט, האָט זי ביי דעם מאַן אַזוי פיעל ווערטה, וויפיעל ער האָט בעצאָהלט פאַר איהר. אויך קען ער זי ווידער פערקויפען און אַוועקשיינקען, און זעלבסטפערשטענדליך איז איהר סאָציאַלע פאָזיציע ווייט ניט קיין הויכע. וואו די פרוי ברייננגט מיט איהר אייגענעם קאַפּיטאַל, איהר נדן אין די נייע ווירטהשאַפט, האָט זי געוויסע רעכטע און איז ניט אַזוי אונטערטהעניג צום מאַן. דאָרט וואו די מענער שדכן׳ן זיך צו די פרויען און סטאַרען זיך צו קריגען זיי מיט׳ן גוטען ווילען, איז די לאַגע פון דער פרוי בעדייטענד בעסער. א. ז. וו.

פערשיעדענע רעליגיעזע לעהרען און בעגריפע איבען אויך אויס אַ גוטען אָדער אַ שלעכטען איינפלוס אויף׳ן שיקזאַל פון דער פרוי. אין די אור־אַלטע צייטען געפינען מיר פיעלע פרויען־געטער: איזידאַ אין עגיפּטען, אַסטאַרטאַ אין פערזיען, געאָ (די ערד) אין גריכענלאַנד, א. ז. וו. שפּעטער געפינט מען די פרוי אַלס

פריעסטעריז, "וועסטאלקא", צו היטען דעם היילינען פייער; און נאך שפעטער אלס היילינע מאריא, די מוטער גאטעס. מאנכע האלב־ציוויליזירטע פעלקער גלויבען, אז פרויען קענען האבען א בעסערען פערקעהר מיט די געטער, א לייכטערען צו־טריט צו זיי, און דערפאר האלט מען זיי פאר פראפעטינס, פריעס־טערינס און דער גלייכען. דאס קריסטענטהום דאגעגען לעהרענט, אז די פרוי איז די קוועלע פון אל־דאס־בייז, אז זי איז די אורזאכע פון דעם ערשטען זינדען־פאל, אין דורך איהר איז געקומען דער טוידט אויף דער וועלט. די פרוי איז דורך דעם ערניעדריגט געווארען געזעלשאפטליך. אלעס וואס די גלחים האבען איהר געקענט צוזאגען איז א שטיק פלאץ אין גן עדן, אויב זי וועט אריינטרעטען אין קלויסטער און אוועקגעבען איהר גאנצען פער־מעגען צו דער קירכע. דאס האט זיך געלוינט פאר די גלחים, אבער די פרוי איז דורך דעם ארונטער אויף פיעלע שטאפלען פון געזעל־שאפטליכען לייטער.

זעהר וויכטיג פיר דער לאגע פון דער פרוי זיינען די מאראלע בעגריפע וועגען איהרע בעציהונגען צום מאן, וועלכע עקזיסטירען אויף געווויסע שטופען פון ציוויליזאציע, אין פערשיעדענע לענדער; הגם עס פאסירט, אז מאנכעס מאל ברייינגען גאנץ גענענגעזעצטע מאראלע בעגריפע כמעט דיזעלבע רעזולטאטען. די ווילדע גלויבען: אז די פרוי איז א ניעדריגערע בעשעפענים פון'ם מאן, און דער־פאר מעג ער זי בעהאנדלען ווי א חיה, און פערמאטע'ן זי ביז צום טוידט. ביי מעהרערע ווילדע מוזען די פרויען טהאן אלע שווערע ארבייט: מאכען די געצעלטען אין וועלכע זיי וואוינען, שלעפען אלע משאות ווען זיי ציהען פון איין ארט אויף דעם אנ־דערען; זיי שטעהען ביז'ן האלז אין וואסער און כאפען די שעלפיש און אויסטערס, דארט וואו זיי וואוינען ביים ברעג ים; וואו ערד־ארבייט איז א ביסעל ענטוויקעלט זעען זיי און שניידען די תבואה, און אומעדום קאכען זיי און שפינען און וועבען, — וועהרענד די מענער פיהרען קריעג אדער פוילענצען גלאט אזוי ארום הויז און באלעבאטעווען איבער די ווירטהשאפט. דיזע ווילדע שלאגען זיך

פּאַר פרויען און זוכען זיי צו רויבען און כאַפּען וויפיעל זיי קענען נור קריגען, ווייל דאָס מיינט פיעלע גוטע דיענסטען צו טהאָן אַלע אַרבייט.

די „ציוויליזירטע" דאַגעגען האָבען אַ בעגריף, אַז די פרוי איז אַן „עדעלעס, צאַרטעס ווענזען, אַ לייבטזיניגעס געשעפּף", און מען דאַרף זי ניט בעלעסטיגען מיט שווערע אַרבייט, אַפילו קיין ערנסטע קאָפּ־אַרבייט דאַרף מען פון איהר ניט ערוואַרטען; זי דאַרף נור דיענען אַלס אַ מין ציערונג צו בעשיינען די מענשהייט. די מענער טהוען אַלע שווערע אַרבייט; אויף זיי ליעגט דער חוב צו שפּייזען און פערזאָרגען די פאַמיליע, וועהרענד די פרויען טהוען נור די לייכטע הויז־אַרבייט און ווילען אַפילו ניט טראָגען די זיסע לאַסט פון ערציהען די קינדער. דאָ זוכט די פרוי מיט אַלע מיטלען וואָס שנעלער צו קריגען אַ מאַן, צו פערזאָרגען זיך מיט אַ פערזאָרגער און בעשיצער, כדי זאָרגלאָז צו לעבען אויף זיין פערדינסט.

עס איז לייכט צו זעהן, אַז דיזעביידע צושטענדע זיינען ניט נאָרמאַל: ביי די ווילדע אַרבייט די פרוי איבער איהרע כחות און ווערט בעהאַנדעלט ניט בעסער ווי אַ בהמה. ביי מאַנכע ווילדע מוז די פרוי זאָגאַר בעטראַכטען דעם מאַן פאַר אַ גאָט, טאָר זיך ניט צוריהרען צו זיין קאָפּ, און טאָר אַפילו ניט עסען אין זיין אַנוועזענהייט, און מוז זיך לאָזען געפעהלען אַ סך ערניעדריגונגען, וועלכע נעהמען אין גאַנצען אוועק איהר מענשליכע שטעלונג. — ביי די ציוויליזירטע פעלקער וואו זי לעבט אַ פּאַראַזיטען־לעבען, ווערט זי בעטראַכט פון איהר מאַן אַלס אַ לאַסט, ווערט ווייניג רעספּעקטירט, האָט זעהר ווייניג געזעלשאַפטליכע רעכטע, און עס קומט אויס לסוף, אַז זי שטעהט ניט אויף אַ בעסערע שטופע ווי די פרוי ביי די באַרבאַרען.

די צרה איז וואָס די פרוי גופא ווערט אין ביידע פעלע ערצויגען און איינגעוואָוינט מיט דעם געדאַנק, אַז זי קען ניט שטעהן אַליין אויף איהרע פיס; אַז זי מוז ענטוועדער געכאַפּט ווערען פון אַ מאַן, אָדער זוכען צו כאַפּען אַ מאַן, און זי שטעלט זיך גאָר ניט פאָר אַז עס קען אַנדערש זיין. ביי די ווילדע קען מען זיי פערגלייכען

צו אַ שקלאַף וועלכער האָט ניט דעם מוטה, ניט די מעגליכקייט צו רעבעלירען. ביי די ציוויליזירטע איז זי ווי אַ פערצויגענעם, נאָכגעגעבענעם קינד, וואָס זיינע עלטערען לייִדען פון איהם צרות און ער אַליין איז אויך אונגליקליך זיין גאַנצען לעבען. זי הערט דאָ פון קינדוויַיז אָן, אַז פון איהר ערוואַרט מען ניט זי זאָל עפּעס אויפטהאָן, זי דאַרף אפילו ניט זאָרגען פאַר אייגענע לעבענסמיטעל: פריהער איז זי אויף איהר פאָטערס פּלייצעס, שפּעטער נעהמט דער מאַן איבער די שווערע לאַסט. זי וואַקסט אויס מיט דער אידעע, אַז אַזאַ פּאַראַזיטען-לעבען איז אַ נאָרמאַלער צושטאַנד און אַז עס איז רעכט, ווייל אַלע לעבען אַזוי.

נאַטירליך, גיט עס ביי ציוויליזירטע פעלקער פיעלע דיינקענדע און פערשטענדיגע פרויען, וועלכע קוקען אַנדערש אויף'ן לעבען. זיי פערשטעהען אַז אום צו געניסען אַלע פּריווילעגיען און רעכטע וואָס אַ געזעלשאַפט קען געבען איהרע מיטגליעדער, מוזען די מיטגליעדער זעלבסט בייטראָגען זייער טהייל אַרבייט אין דער געזעלשאַפט. זיי זעהען אין זיך אַ מענשען, וועלכער האָט אַ רעכט אויסצואיבען אַלע זיינע נאַטירליכע שטרעבונגען. זיי ווילען לעבען אַ פולערען, אַ ברייטערען לעבען, און — זיי קומען אין צוזאַמענשטוים מיט די אַלטע בעשרענקטע אידעען וועגען פרויען-טהעטיגקייט. זיי זעען די זאָמען פון אונצופריעדענהייט; דאָס קערנדעל וואַקסט און ענטוויקעלט זיך, ביז עס שפּראַצט אַרויס די פרויען-פראַגע.

און די פרויען-פראַגע פערשפּרייט איהרע צווייגען אויף יעדע פערהעלטנים פון לעבען: אין דער היים, אין פאַבריק, אין דער געשעפטס-וועלט, אין די קרייזען פון וויסענשאַפט, פון קונסט און ליטעראַטור. די פראַגע ווערט אויסגעדריקט אין פערשיעדענע וועגען, אַמאָל אין אַזעלכע וואָס פיהרען ווייט ניט צום געווינשטען ציעל. דאָ פאָדערען די פרויען דאָס רעכט צו אַרבייטען און לערנען זיך גלייך מיט מענער, דאָרט — פיליכט צו שטימען ביי די וואַהלען אָדער אפשר גאָר צו קליידען זיך מיט די מענער צו גלייך. עס ווערט אַ גרויס געפילדער וועגען פרויען-עמאַנציפּאַציאָן. די קאָנ-

סערוואטיווע צייטונגען שרעקען זיך אז דער סדר העולם וועט איבער־געקעהרט ווערען. די כלומרשט ליבעראלע ווארפען צו די פרויען א פאר צוויידייטיגע קאמפלימענטען און ריידען זיך איין, אז אלעס וועט צוריק ווערען רוהיג, און אין קורצען וועט ווידער אויפלעבען די גוטע אלטע ארדנונג. אבער די פרויען, ביי וועמען די דענקונגס־קראפט האט ערוואכט, קען מען צוריק ניט איינשלעפערען. זיי קעמפפען פאר זייערע מענשען־רעכטע אויף יעדען שריט און טריט. צו קריגען א מאן און פערקויפען איהם זייער קערפער און זעעלע פיר דעם פרייז פון זייערע לעבענסמיטעל — איז ניט מעהר זייער אידעאל. זיי זוכען א טיעפערען זין אין לעבען. זיי פאדערען ניט פון דעם מאן וועמען זיי האבען ליעב, ער זאל זיי אויסהאלטען, אזוי ווי דער מאן פאדערט ניט אז די פרוי וועלכע ער האט ליעב זאל איהם אויסהאלטען.

א פערשטענדיגע פרוי שטיצט זיך אויף זיך אליין און טראגט אליין די פעראנטווארטליכקייט פאר איהרע מעשים. ווען זי האט א קינד פאדערט זי ניט אז דער מאן זאל אויפהאלטען אי זי, אי דאס קינד. זי פערשטעהט אז זי דארף זארגען פאר דאס קינד אזוי גוט ווי דער מאן. זי פערלאנגט ניט קיינע ספעציעלע פריווי־לעגיעס, זי וויל נור מען זאל אבשאפען די בעזונדערע בעשרענקונגען געגען איהר. זי איז ערנסט אין איהרע מיינונגען, זי פערהדיענט אויף איהר לעבען, זי פערדיענט אויך די ליעבע און אכטונג פון איהרע מיטמענשען, און די געזעלשאפט בויגט זיך ביסלעכווייז און גיט נאך, אייגזעהענדיג אז ווייניגסטענס א זא פרוי פערדיענט דאס רעכט צו גלייכער שטעלונג מיט'ן מאן. אזא פרוי לייזט די פרויען־פראגע אנפאנגענדיג פון זיך אליין.

לעזענדיג די געשיכטע זעהען מיר, אז אויך אין די אלטע צייטען, אין גריכענלאנד, אין רוים און אין מיטעלאלטער, האבען פערשטענדיגע פרויען רעבעלירט געגען די איינריכטונגען, וועלכע מאכען זיי צו שקלאפען, פיזיש און גייסטיג. זיי האבען געפאדערט געזעצליכע און געזעלשאפטליכע אנערקענונג פון גלייכע רעכטע אויף ארבייט און גענוס גלייך מיט אלע איבעריגע בירגער. און אויך

דאָן ווי יעצט, האָבען קאָנסערוואַטיווע קעפּ זיך געשטעלט דאַגעגען אַזעלכע פאָדערונגען. זיי האָבען געשריען דעם אייביגען געשריי, אַז די פרוי איז געשאַפען געוואָרען נור צוליעב דעם מאַן, אַז איהר פּלאַץ איז אין קיך און אין שלאָפצימער, און אַז די וועלט וועט חרוב ווערען, אויב מען וועט מאַכען אַנדערע איינפיהרונגען. אַזוי האָט זיך צ. ב. ש. אויסגעדריקט אין אַ געוויסען פאַל אפילו דער בעריהמטער רוימישער שטאַאַטסמאַן קאַטאָ: „די פרויען זיינען מיט אַלעם אונצופריעדען, זיי ווילען פרייהייט, און ווען זיי וועלען ווערען פריי, וועלען זיי חלילה ווערען גלייך מיט אונז, מענער, און דאַן וועלען זיי אפשר נאָך וועלען אונז בעהערשען!“ און ער האָט שטאַרק גע׳טענה׳ט, אַז די מענער מוזען בעהערשען די פרויען און מאַכען זיי שוויינגען.

היינטיגע צייטען הערט איהר דיזעלבע טענות צוגעפּראַוועט מיט אַ ביסעל הומאַניטעט און צוגעריכט מיט כלומרשט וויסענשאַפט. איינער אַ רעוורענד סמיטה האָט דאָ ניט לאַנג געשריבען, אַז די פרויען זיינען בעשאַפען געוואָרען נור צו קאָנסומירען (וואו ער האָט געקראָגען דיזע „ענטפּלעקונג“ שרייבט ער ניט) — דערפאַר איז ער זעהר אונצופריעדען דערמיט וואָס פרויען הויבען גאָר אָן צו ווערען פּראָדוצירער און זוכען צו פערדיענען פאַר זיך אַליין אויף׳ן לעבען. דאָס, זאָגט ער, איז גראַדע קאַפּויר ווי עס דאַרף צו זיין.

עס איז ניטאָ וואָס צו דיסקוטירען מיט איינעם וועלכער מאַכט אַזאַ אונבעגרינדעטע בעהויפּטונג. עס איז לייכט צו בעווייזען אַז פרויען זיינען געווען אַלע מאָל און דאַרפען זיין פּראָדוצירער, און אַז ווען אַ טהייל מענשען, סיי מענער, סיי פרויען, ווערען בלויז קאָנסומירער איז עס דאָן קאַפּויר ווי עס דאַרף צו זיין אין אַ גוט געאָרדענטער געזעלשאַפט. מילא יענער שרייבער איז אַ רעוורענד און זיין בערוף איז צו פערשטויסען יעדען פרייען געדאַנק; אָבער ווען איהר הערט אַזעלכע מיינונגען פון אַ וויסענשאַפטסמאַן ווי עדוואַרד ד. קאָופּ, קוועטשט איהר מיט די פּלייצעס און מוזט צוגעבען, אַז אַזוי ווי איינער קען זיין אַ גוטער אַרכיטעקטאָר

און א שלעכטער לענדלארד, אזוי קען פאסירען, אז א גרויסער עוואָ־לוציאָניסט זאָל זיין א שטארקער קאָנסערוואטאָר. . .

קאָופּ פילאָזאָפירט אזוי: פרויען זיינען שוואכער ווי מענער; ווען זיי וואָלטען ניט געווען א נויטיגע זאך פיר די מענער, וואָלט אין דעם גרויסען קאמפף אום׳ם דאזיין פון זיי (ד. ה. פון די פרויען) באלד קיין שפּור ניט געבליבען. די פרויען האָבען א שאנס צו עקזיסטירען נור דערפאר, ווייל זיי בעפריעדיגען א בעדירפנים פון די מענער. דערפאר האָט די פרוי ווייניג רעכטע אין איהר הייראטה־קאָנטראקט מיט׳ן מאן; זי אנערקענט אין איהם א שפייזער און א בעשיצער, און דארום מוז זי איהם זיין טריי, אָבהיטען זיין הויז, און שעצען און עהרען איהם. ווען דער מאן איז ניט טריי זיין פרוי, קען זי מיט רעכט אייגענטליך גאָר ניט האָבען צו איהם, וואָרום אזוי ווי ער האָט זי געקויפט, מעג ער קויפען אויך אנדערע, וועלכע ווילען זיך פערקויפען, אויב ער קען נור בעשטעהן צו בעצאָהלען. פון דעסטוועגען, זאָגט קאָופּ, איז ניט רעכט צו זינדיגען און איבער־הויפּט איז אן עולה צו זינדיגען מיט אן אשת איש, וואָרום דאָס הייסט דאָך, אז די מענער פון יענע קענען וויעדער זינדיגען מיט דיין ווייב. דער אידעאל איז, על פי ק א ו פּ, אז יעדער מאן דארף מפרנס זיין זיין ווייב און עלטערען זיך מיט איהר ווי די גאנצע וועלט פיהרט זיך. די ווייב דארף אָבער וויסען, אז זי איז אן אָבגע־קויפטע, און האָט גאָר ניט וואָס אויסצווזעצען דאגעגען. אדרבה, דער מסחור לוינט זיך פאר איהר זעהר גוט, וואָרום אויב ניט וואָלט זי שוין לאנג פערטיליגט געוואָרען פון דער אויבערפלעכע פון דער ערד.

דער גרויסער געלעהרטער זאָגט זיך ארויס זיין מיינונג גאנץ פשוט, און איהם ארט גאָר ניט וואָס נאָך זיין בעהויפּטונג נאָך זיינען אלע פרויען פּראָסטיטוטקעס! ער מיינט, אז אזא סדר עולם איז גאנץ אנשטענדיג, און א חוץ דעם לוינט עס זיך זעהר פיר די פרויען. נאָך זיין מיינונג נאָך, זיינען יענע פרויען אונאנשטענדיגע וועלכע זוכען צו זיין אונאבהענגיג און צו האָבען גלייכע רעכטע מיט מענער, ווייל א ז ע ל כ ע פרויען, זאָגט ער, גראָבען אונטער די

זיילען פון דער אנשטענדיגער געזעלשאפט. דאס אלעס צייגט נור, אז ווען מען וואקסט אויף מיט א פאלשען בעגריף וועלכען מען האט גע׳ירש׳ענט פון הונדערטע דורות, פאלט גאר ניט איין דעם בעגריף צו קריטיזירען און זעהן, אויב ער האט א ריכטיגען גרונד. מען נעהמט עס אן פאר תורת משה און מען בויט אויף דעם בנינים, וועלכע פאלען איין פון דעם מינדעסטען הויך פון געזונדען מענשען־פערשטאנד. אדער, אז מען זעהט שוין יא איין די נויטווענדיגקייט צו בעהאנדלען די פראגע, מאכט מען עס אוועק מיט׳ן האנד און מען בערוהיגט זיך מיט׳ן אלטען שפריכווארט: „עס איז אימער אזוי געווען און עס וועט אזוי בלייבען אויף אימער!“

עס איז אבער גאר ניט ריכטיג אז עס איז אימער אזוי געווען. מיר דארפען נור די פראגע דורכשטודירען וועלען מיר זעהן, אז אין פיעלע צייטען און אין פיעלע פעלצער איז געווען אקוראט פערקעהרט, — דאס הייסט, די פרויען זיינען געווען די טהוערס, די ערד־ארבייטער, די הענדלער, און זאגאר די האנדווערקער; וועהרענד די מענער האבען געטהאן די הויז־ארבייט און זיינען געווען אבהענגיג פון די פרויען. העראדאטוס דערצעהלט פון אזעלכע איינפיהרונגען אין אלטען עגיפטען. עהנליכע פעלע געפינט מען אויך אין גאנץ אלטען גריכענלאנד. ליווינגסטאן דער־צעהלט פון פיעלע פעלצער אין אפריקא, וואו די פרויען בעשעפטי־גען זיך מיט האנדעל איבערן גאנצען לאנד, בעארבייטען די ערד, בויען די הייזער און פיהרען איבערהויפט זעהר א טהעטיגען לעבען. ער בעמערקט דערביי, אז אזא סארט לעבען ענטוויקעלט זייער פער־שטאנד ווי זייערע מוסקולען, און גיט זיי ניט נור פרייהייט, זאנדערן אויך הערשאפט איבער די מענער, וועלכע ווערען אבגעשטומפפט און פערצערטעלט, זיצענדיג שטענדיג צו הויז און בעשעפטיגענדיג זיך מיט נעהען, וועבען, מעלקען קיה און בערעדען די שכנים...

מיר וועלען זעהן אלזא, אז די פרויען־פראגע איז ניט א ניי־מאדישע זאך, אויסגעטראכט פון עטליכע ווייבער־שרייערקעס, זאנדערן אז זי שטאמט ארויס פון דער סאציאלער לאגע פון דער פרוי, און איז אזוי אלט ווי די אונגלייכע פאזיציאן פון מאן און

פרוי אין דער פאַמיליע און אין דער געזעלשאַפט. און די לייזונג
פון דער פראַגע איז גאָר ניט אַן אונמעגליכע זאַך. מען דאַרף נור
אויסראָטען דעם געדאַנק, אַז די פרוי דאַרף זיין בעשיצט און אונ־
טערשטיצט פון וועמען עס איז, אַז זי דאַרף האָבען אַן אָפּעקון,
וועלכער זאָל אויף איהר אויפּפּאַסען און פערזאָרגען זי. אַ נייעם
געדאַנק מוז מען איינוואָרצלען אין די מוחות פון ביידע געשלעכטער:
אַ פרוי איז אַ מענש, און ניט אַ פּאַראַזיט אָדער אַן אונערוואַקסענעם
קינד. זי האָט דיזעלבע רעכטע ווי דער מאַן צו לעבען איהר אייגע־
נעם לעבען, אויסאיבען איהרע פעהיגקייטען, לייסטען געזעלשאַפט־
ליכע דיענסטע. ניט אַלע פרויען ווילען אַרויס פון זייער ענגען
קרייז; ניט אַלע זיינען פעהיג צו טהאָן ערנסטע קאָפּ־אַרבייט;
אָבער די וואָס ווילען און קענען עטוואָס טהאָן, מוזען האָבען דאָס
רעכט און די מעגליכקייט אויסצואיבען זייער קראַפט.

קורץ, די פרוי איז ניט אַ צו־טשעפּענים צום מאַן; זי איז
ניט בעסער און ניט ערגער פון איהם. זי איז איין טהייל פון אַ
געוויסעם גאַנצעם, פון וועלכען דער מאַן איז דער אַנדער טהייל.
ביידע טהיילען מוזען זיין אין אַ גלייכגעוויכט, אום אויפצוהאַלטען
די האַרמאָניע פון דאָס גאַנצע. ווען איין טהייל איז פערשקלאַפט
אָדער אונטערדריקט, רופט זיך דאָס אָב אויף דאָס גאַנצע. ווען
איין טהייל, וועלכער עס זאָל ניט זיין, מאַן אָדער פרוי, לעבט אַ
פּאַראַזיטישען לעבען, מוז דאָס אונבעדינגט זיין שעדליך פאַר דעם
אַנדער טהייל אויך. דער בעגריף אַז פרויען זיינען ניעדעריגער
אָדער העכער מוז אויסגעוואָרצעלט ווערען. זיי דאַרפען ביידע זיין
גלייכע, פרייע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט.

2.

די פרוי ביי ווילדע און פרימיטיווע פעלקער.

די לאַגע פון פרויען ביי ווילדע און פרימיטיווע פעלקער איז פערשיעדען אין פערשיעדענע טהיילען פון דעם ערד־קוגעל און אין פערשיעדענע צייטען. זי ווערט פיעל בעאיינפלוסט פון די פאָרמען פון פאַמיליען־לעבען, פון דעם וועג אין וועלכען דאָס געוויסע פאָלק קריגט זיינע לעבענס־מיטטעל, ווי צ. ב. ש. יאַגד, פיש־פאַנגען אָדער ערד־אַרבייט, א. ז. וו., — און פון די קולטורעלע ענטוויקלונג פון׳ם געוויסען פאָלק. ר אַ ט צ ע ל זאָגט וועגען דער שטעלונג פון דער פרוי ביי פרימיטיווע פעלקער, אַז זי איז פול מיט ווידערשפּרוך, גאָר אַזוי ווי ביי די הויך־ציווילזירטע. נור די אונגערעכטיגקייט ציינגט זיך אויס אַ ביסעל מעהר ברוטאַל ביי די ווילדע פעלקער. און וואָס אָרעמער דאָס פאָלק אַלס שווערער איז די לאַסט פון דער פרוי. — אין די אור־אַלטע צייטען בעשעפטיגען זיך מענער און פרויען מיט דיזעלבע סאָרטען אַרבייט, טראָגען ביינאַהע גלייכע קליידער, און אונטערשיידען זיך זעהר וויניג אין זייערע קערפּער־ליכע און גייסטיגע אייגענשאַפטען. ביי די ווילדע, אָדער אפילו ביי די בויערן פון די ציווילזירטע פעלקער איז דאָס אויסזעהן פון קאָפּ כמעט דערזעלבער ביי מענער ווי ביי פרויען. עס איז ניטאָ קיין גרויסער אונטערשיעד אין געוואוקס, אין פיזישער קראַפט, אין דער שטימע, אין די מאַניערען און געוואוינהייטען. ווען אונזער איינער, אַ ציווילזירטער, זעהט אַ פּאַטאַגאָניער אָדער אַ סאַמאָיעד צום ערשטען מאָל, קען ער ניט גלייך אונטערשיידען אַ מאַן פון אַ

פרוי. קיין גרויסער אונטערשיעד אין דער געזעלשאפטליכער לאגע פון מענער און פרויען האט ביי פרימיטיווע פעלקער דארום ניט געקענט זיין. אחוץ דעם איז די פארמע פון פאמיליען־לעבען ביי פרימיטיווע פעלקער אויך גינסטיג צו דער גלייכהייט פון מענער און פרויען.

איבער די ענטשטעהונג פון הייראטה און פון דער פאמיליע זיינען דא פערשידענע מיינונגען. באכאפען, מ'קלעננאן, לובבאק און פיעלע אנדערע האלטען, אז ביי פרימיטיווע פעלקער איז צוערשט ניט געווען קיין בעשטימטע פארמע פון עהע, און דער געשלעכט־ליכער פערקעהר איז געווען א פערמישטער: יעדער מאן פון א געוויסען שטאם האט געלעבט מיט יעדער פרוי, און יעדע פרוי מיט יעדען מאן, און זיי האבען זיך אלע צוזאמען געזארגט פאר די קינדער, לובבאק רופט אן דיזע פארמע „ק א מ ו נ א ל ע ה י י ר א ט ה“. ער זאגט אז אין אזא צושטאנד לעבען נאך היינטיגען טאג מאנכע בושמען פון זיד־אפריקא, די שטאמען גנאיר, טיהור און טאטיאר אין אינדיען א. ז. וו. באכאפען בעהויפטעט, אז נאך דער פארמע פון דער קאמונאלער הייראטה (וועלכע ער רופט אן ה ע ט ע ר י ז־מ ו ס) איז איינגעפיהרט געווארען די סיסטעם פון מ ו ט ע ר־ר ע כ ט, אין וועלכער דער מאן איז געוועזן אונטערווארפען דער פרוי, די קינדער האבען זיך מייחס געווען נאך דער מוטער, ירושה איז איבערגעגאנגען פון די מוטער צו די טעכטער, און פרויען האבען בעזעסען די הויפטמאכט אין דער פאליטישער וועלט. די סיסטעם פון פ א ט ע ר־ר ע כ ט איז, נאך באכאפען, די דריטע שטופע: קינדער רעכענען זיך נאך'ן פאטער, די פרוי איז אונטערווארפען צום מאן; ער איז דער הערשער אין דער פאמיליע און אין דער געזעלשאפט. ו ו ע ס ט ע ר מ א ר ק האלט, אז קיין אמת'ער געמיש־טער געשלעכטס־פערקעהר איז קיינמאל ניט געווען. די מענשהייט האט איבערגענומען בירושה נאך פון די אפען־גלייכע אור־מענשען אינסטינקטען פון פערשיעדענע פארמען פון עהע, און די עהע איז איינע פון די אייגענשאפטען וואס האט געהאלפען אויפצוהאלטען דאס מענשליכע געשלעכט אין קאמפף אום'ם דאזיין; דען די עהע

דיענט אויפצוהאלטען די פאמיליע, צו פערזארגען די קינדער ווען זיי זיינען נאך צו שוואך, א. ד. גל.

מ׳קלענאן האלט, אז העטעריזמוס איז די ערשטע שטופע פון הייראטה. די צווייטע שטופע איז, נאך זיין מיינונג, אזא פארמע פון פיעל־מענעריי, וואו עטליכע ברידער האבען איין פרוי בחברותא; נאך דעם, אדער ריכטיגער געזאגט, פון דעם, האט געפאלגט די סיסטעם פון לעוויראט, אין וועלכער די פרוי מוז נאך׳ן טוידט פון איהר מאן הייראטהען זיין נעכסטען ברודער. (דער מנהג פון יבום, ווי מען רופט דאס ביי אידען.)

עס זיינען דא מיינונגען אז די ערשטע פארמע פון הייראטה איז געווען די איינפאכע, ריינסטע מאנאגאמיע; אבער טיע־פערע און גענויערע פארשונגען ציינען אז דאס איז נור געווען א מין צייט־עהע, דאס הייסט, איין מאן האט געלעבט מיט איין פרוי א געוויסע צייט, אזוי לאנג ווי זייביידען איז געווען געפעלען צו לעבען צוזאמען. אויב ביי זיי איז אונטער דער צייט געבארען געווארען א קינד, האבען זיי ביידע געזארגט פאר איהם. מאנכעס מאל האבען זיי געוואוינט צוזאמען ביז די פרוי האט ענטוועהנט דאס קינד; דאן זיינען זיי זיך צוגאנגען און געווארען אוים מחותנים. ער האט זיך געקענט נעהמען אן אנדער פרוי און זי אן אנדער מאן. אזעלכע איינפיהרונגען זיינען נאך דא היינט ביי פיעלע ווילדע, ווי צ. ב. ש. ביי די דייאקס פון בארנעא, ביי די ווילדע פון די סאנדוויטש אינזלען, א. ז. וו.

אבער ביינאהע קיין איין פארשער לייקענט ניט אב, אז די מענשהייט האט דורכגעמאכט א שטופע פון מוטערדעכט. שפורען פון דעם געפינען מיר נאך היינטיגען טאג ביי פיעלע ווילדע פעלקער. אזוי צ. ב. ש. געפינט מען ביי פיעלע שטאמען אין אינדיען, אז די קינדער רופען זיך נאך דער מוטער׳ס שטאם, (שבט) אייגענטהום געהט איבער בירושה צו די טעכטער, א. ד. גל. ביי די לימבאס קען דער פאטער אבקויפען זיינע זיהן ביי זיין פרוי פאר א געוויסע סומע געלד, און דאן מעגען זיי זיך רופען נאך׳ן פאטער. די אינדיאנער פון הודסאן ביי, זאגט קארווער,

רופען זיך אימער נאָך זייער מוטער, און ווען אַ פרוי האָט פיעל מענער און האָט קינדער פון זיי אַלעמען, רופען זיך אַלע קינדער נאָך דער מוטער. די זעלבע איינפיהרונגען געפינט מען אויך אין האאיטי און אין מעקסיקאָ. אין די טאָנגאַ אינזלען ווערט דער אַדעל איבערגעגעבען פון דער מוטער׳ס זייט, און ווען דער פאָטער איז אַן אַדעליגער און די מוטער ניט, רעכענען זיך די קינדער ניט פאַר קיין אַדעליגע.

שאשקאָוו זאָגט וועגען דער צייט פון מוטער־רעכט: „די הויכע שטעלע וואָס די פרוי האָט דאַן פערנומען אין דער פאַמיליע, איהר עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיגקייט, איהר מאָראַלער איינפלוס און טאַקע איהרע שטאַרקע מוסקולען, האָבען איהר געזיכערט פיעל געזעלשאַפטליכע פריווילעגיען“. פיעלע שפּורען פון פרויען־הער־שאַפט ווערען אָנגעצייגט. צ. ב. ש. ביי איינינגע שטאַמען פון מאַנ־דינגאָ נעהמען די פרויען אַנטהייל אין דער רעגירונג, און אין וויכטיגע פעלע קומען די מענער זיך בעראַטהען מיט זיי. ביי די באַגנום איז דאָ זאָגאַר אַ בעזונדערער פרויען־געריכט. צום צפון־זייט פון זאַמבעזי איז דאָ אַ פאָלק באַלאָנדאָ, ביי וועלכע די פרויען האָבען אַן איבערשטייגענדע בעדייטונג אין דער געזעלשאַפט. ליווינגסטאָן וועלכער האָט ניט געגלויבט די פריהערדיגע רייזענדע וואָס האָבען דערצעהלט אַז אין באַלאָנדאָ איז דאָ אַ פרויען־הערשאַפט, האָט זיך נאָכהער אַליין אין דעם איבערצייגט, און שרייבט וועגען דעם פאָלגענדעס: די פרויען זיצען אין פאָלקס־ראַטה; דער חתן דאַרף אַריבערציהען אין דער כלה׳ס דאָרף און דאָרטען וואוינען; ביי די תנאים פערפליכטעט ער זיך אויפצוהאַל־טען די שוויגער ביז׳ן טויט. די ווייב אַליין האָט אַ רעכט צו גט׳ן דעם מאַן, און אין אַזאַ פאַל בלייבען די קינדער ביי איהר. דער מאַן קען קיין קאָנטראַקט ניט שליסען אָהן די ערלויבנים פון זיין פרוי.

מערענסקי דערצעהלט פון די באַזוטאָס אין טראַנס־וואַאַל, דאָס יעדע פרוי האָט איהר אייגענעם הויף און איהר אייגען הויז און גאָרטען און זאַפּאַס פון קאָרן, פון וועלכען איהר מאַן טאָר

ניט נעהמען אָהן איהר איינוויליגונג. די פרוי געניסט דאָרט פולע פרייהייט און האָט גלייכע רעכטע מיט'ן מאַן.

ביי דעם בערבער־שטאַם ט ו א ר ע ג ס, אין זאהאראַ פערנעהמען די פרויען אַ הויכע שטעלע. זיי קענען אַלע שרייבען און לעזען (אויף וויפיעל דיזע קונסט איז ביי זיי ענטוויקעלט), און זיינען ניט בעשריינקט אין זייערע בעוועגונגען. דאָרט הערשט די מאָנאָגאַמיע. די ווייב האָט גלייכע רעכטע מיט'ן מאַן און זייער פערמעגען געהערט צו ביידען גלייך. די קינדער ירש'ענען דעם יחוס פון דער מוטער. די פרויען בעגלייטען די מענער אויף דער יאַגד, רייטען אויף פערד און אויף קעמלען אַזוי גוט ווי די מענער, און נעהמען אַ טהעטיגען אַנטהייל אין זייערע מלחמות (פלאַסס).

דער בעריהמטער היסטאָריקער ל ע פ ס י ו ס בעמערקט וועגען אפריקאַ: אין דיזען טהייל פון דער ערד איז נאָך פון אַלטע צייטען פערברייטעט די הערשאַפט פון ווייבליכען געשלעכט. אויף די מאָנומענטען אין מ ע ר א ע זעהען מיר געשטאַלטען פון מיליטערישע קעניגיננען. די ב ע ג י ם האָבען זיך גע'יחסנ'ט ניט נאָכ'ן פאָטער זאָנדערען נאָך דער מוטער, און ירושה פלעגט איבערגעהן ניט צום זוהן, נור צו דער טאָכטער אָדער צו דער שוועסטער פון דעם פערשטאָרבענעם. דיזעלבע איינפיהרונגען האָבען געהאַט די איינוואוינער פון נ ו ב י ע ן.

ד י א ד א ר ו ס זאָגט אַז אין אפריקאַ זיינען געווען פיעלע שטאַמען, ביי וועלכע די פרויען האָבען געפיהרט די געזעלשאַפטליכע געשעפטען, און די מענער האָבען געטהאָן די הויז־אַרבייט און האָבען קיין צוטריט ניט געהאַט צו די בעשעפטיגונגען פון קריעג אָדער רעגירונג. און פון אַלטען עגיפּטען דערצעהלט הערדאָטוס, אַז זאָגאַר אין פּריוואַט־לעבען האָט די פרוי געהערשט איבער דעם מאַן און דער חתן פלעגט זיך פערפּפליכטען אין אַלעם צו פאָלגען זיין צוקינפטיגע פרוי.

דעם מערב־ברעג פון אפריקאַ רופט ר א ט צ ע ל דירעקט אָן: „דאָס לאַנד פון פרויען־רעכטע“. און פ. ל א ו ו ר א ו ו ציטירט ק אָ־ וו א ל ע ו ו ס ק י ן, וועלכער זאָגט אַז דער מאַטריאַרכאַט (מוטער־

רעכט) מיט אַלע איינפיהרונגען וואָס וואַקסען אַרויס פון איהם, זיינען דער הויפּט־פונדאַמענט וואָס בינדעט צונויף אַ סך שטאַמען פון אַפריקאַ דורך געמיינשאַפטליכע מנהגים.

אויך אין אַמעריקאַ געפינט מען צווישען די איינבירטיגע אינדיאַנער אַ סך שפּורען פון פרויען־הערשאַפט. ד אַ ר ג ו ן, (ציטירט פון לאַוואָו) זאָגט אַז „צו דער צייט ווען אַמעריקאַ איז ענטדעקט געוואָרען, האָט דאָס מוטער־רעכט עקזיסטירט ביי אַלע יאַגד־שטאַמען, פון קאַליפאָרניאַ ביז הודסאָן־ביי, און פון אויסגוס פון דעם טייך מיסיסיפּי ביז די פעלזען־בערג. (ראָקקי־מאָונטיינס)". ביי די נ אַ וו אַ־ה אָ ס ע ן פון צענטראַל־אַמעריקאַ געהערען די פיה צו די פרויען. ביי די אָ ז אַ ג ע ן און ביי די אַלטע אינדיאַנער פון קאַנזאַס, ווערט די עלטסטע טאָכטער נאָך איהר חתונה די גאַנצע בעל הבית'טע, און איהרע שוויגער־עלטערן ווערען אונטערוואָרפען צו איהר. ביי די וו י י אַ נ ד אָ ט ע ן איז די רעגיערונג בעשטאַנען פון 4 פרויען וועלכע פלעגען זיך אויסקלייבען צו זיך אַ פינפטען — אַ מאַן אָדער אַ זוהן— פאַר אַ הויפּטלינג. די פרויען פלעגען זיך בעטהייליגען אין בעשליסע וועגען מלחמה און פלעגען קענען אַליין שיקען געזאַנדטע. (ראַטצעל).

מ אָ ר ג אַ ן זאָגט אַז ביי די א י ר אָ ק ע ז ע ן האָט די ווייב געהאַט דאָס רעכט צו פערלאָזען איהר מאַן און נעהמען זיך אַן אַנדערען, אַזוי גוט ווי דער מאַן האָט געקענט פערלאָזען זיין פרוי, ווען ער האָט געוואָלט הייראַטהען אַן אַנדערע. ווען מאַן און ווייב זיינען זיך צוגאַנגען, פלעגט די פרוי מיטנעהמען די קינדער, ווייל מען האָט בעטראַכט אַז זיי געהערען אויסשליסליך צו איהר. אויף פיעלע קאָנטראַקטען, וועלכע זיינען געווען געמאַכט צווישען נאָרד־אַמעריקאַנער און אייראָפּעער קאָלאָניסטען, געפינט מען אַ סך ווייבערשע אונטערשריפטען, וואָס, נאָך ראַטצעל נאָך, דאַרף מען דאָס אויך צושרייבען צום בעשטעהענדען מוטער־רעכט.

דער איבערגאַנג פון מוטער־רעכט און פיעל־מענעריי צו פאָטער־רעכט און פיעל־ווייבעריי, איז נאַטירליך געווען ניט פּלוצלונג, נור שטופענווייז. איבער די אורזאַכען פון דעם איבערגאַנג זיינען אויף

ניט אַלע פעלקער־פאַרשער איינפערשטאַנדען. נאָך איינינע שרייבער־נאָך, האָט דערצו פיעל בייגעטראָגען די אַנערקענונג אַז דער פאָטער איז אויך פערוואַנדעט מיט'ן קינד, וואָס פריהער האָבען דאָס די ווילדע ניט פערשטאַנען. אַנדערע מיינען אַז די ענטוויקלונג פון אייגענטהום האָט געהאָלפען דערצו, וואָרום יעדער מאַן וויל איבער־לאָזען זיין ירושה צו זיינע אייגענע קינדער. יעדער מאַן זוכט זיך דעריבער צו קריגען אַ בעזונדערע ווייב, און אויב מעגליך מעהר ווי איינע. דער ווילדער שטעלט זיך ניט אָב אין אויסוואַהל פון מיטלען ווי אַזוי זי צו קריגען. ווען עס איז ווייניג ווייבער אין זיין אייגענעם שטאַם, אָדער וואו עס איז פערבאָטען צו נעהמען אַ פרוי פון זיין אייגענעם שטאַם, אַזוי ווי עס פיהרט זיך ביי אַנדערע ווילדע, רויבט ער אָדער גנב'עט אַ כלה פון די אַרומיגע פעלקער. וויל די כלה ניט געהן, גיט ער איהר מיט אַ שטיק האָלץ איבערן קאָפּ און שלעפּט זי אַוועק אַ בעוואוסטלאָזע צו זיך אין געצעלט. נאָכהער געפינט ער שוין מיטלען ווי אַזוי זי איינצוהאַלטען ביי זיך, און פאַר די „טראַ־בעל" וואָס זי האָט איהם פערשאַפט, צווינגט ער זי צו זיין אַ ניעדער־ריגע שקלאַפין. אויב איהרע עלטערען אָדער קרובים שטעלען זיך איין פאַר איהר און ווילען זי ניט געבען, קויפט ער אָב זייער איינ־ווילינונג דורך אַ מתנה, די ווערטה פון וועלכע איז פערשיעדען ביי פערשיעדענע ווילדע. די עלטערען ווערען געפעלט אַזאַ מסחור, און עס מאַכט זיי געוועהנליך ניט אויס וואָס פאַר אַן איידעם זיי קריגען, אַבי ער צאָהלט אַ גוטען פרייז. ביי דער כלה פרעגט מען זעהר זעלטען אויב איהר געפעלט דער שידוך, און אָפט פער'שדכן'ט מען זי ווען זי איז בלויז דריי אָדער פיער יאָהר אַלט, אדער אפילו גלייך ווי זי ווערט געבאָרען. אַלס אַן אָבגעקויפטע האָט זי קיין רעכט אין איהר מאַן'ס הויז, און זי ווערט בעהאַנדעלט אויף'ן ברו־טאַלסטען אופן.

דעם מנהג פון רויבען און קויפען פרויען בעגעגענט מען אָפט ביי ווילדע און פרימיטיווע פעלקער. אַזוי צום ביישפּיעל זאָגט לאַבבאָק איבער די ווילדע פון אַרום סידני אין אויסטראַליען: זיי גנב'נען די פרוי ווען די עלטערען און פערוואַנדטע זיינען

ניטא אין דער היים. זיי שלאגען זי מיט שטיקער האלץ איבער'ן קאפ און איבער די שולטער ביז איהר בלוט פליסט אין שטראמען, און דאן שלעפען זיי זי א **בעוואוסטלאזע פאר'ן ארם דורכ'ן וואלד** מיט אזא געוואלט, אז עס איז א וואונדער ווי דער ארעם ווערט ניט אויסגעריסען פון געלענק. אזוי שלעפט מען זי איבער פעלדער און איבער וועלדער, ביז מען ברייננגט זי צו זיך א היים. איהרע קרובים זיינען זיך נוקם פאר איהר דורך דעם וואס זיי טהוען דאס זעלבע צו דעם חתן'ס א קרובה, ווען זיי קריגען נור א געלעגענהייט.

פלאסס זאגט וועגען די פרויען אין אויסטראליען: געוועהנליכער ווייזע ווערען זיי גערויבט, אדער זיי ווערען פערקויפט גאנץ יונגער הייד. איבעראל הערשט דארט פאליגאמיע. א מאן האט אזוי פיעל פרויען וויפיעל זיין פערמעגען ערלויבט איהם. אין נייבריטאניען קויפען די מענער פרויען פון פרעמדע שטאמען, אדער זיי בעפאלען זייערע נאכבארען, און רויבען זיך דארט יונגע פרויען. ביי די מאראלאנגס אין אפריקא ווערען די פרויען געקויפט. דער פרייז איז געוועהנליך ניט ווייניגער ווי 5 שטיק פיה, און אפטמאל פיעל מעהר. אזוי איז אין איין פאל בעצאהלט געווארען 48 שטיק פיה פיר איין מעדכען. ביי דעם נאמאדישען שטאם אסיר אין אראביען, פיהרט דער פאטער ארויס זיין דערוואקסענע טאכטער אויף'ן מארק און רופט אויס: ווער קויפט א יונג-פרוי? ביי די רומינען אין טראנסילוואניע, זאגט שאשקאוו, עקזיסטירט נאך ביז היינטיגען טאג דער מנהג פון כלות-יאהרמארקען; די עלטערען פיהרען ארויס די טעכטער אויף'ן מארק און שרייען אויס: איך האב א טאכטער א כלה, — האט ווער א זוהן — א חתן? דאן הויבט מען אן צו האנדלען און דינגען זיך ביז מען ענדיגט דעם מסחור און מען שליסט דעם שידוך.

ביי פיעלע ווילדע און פרימיטיווע פעלקער, וואו די פרוי ווערט שוין ניט מעהר גערויבט, זאנדערן אבגעהאנדעלט פון איהרע עלטערן, קומען פאר ביי דער חתונה אזעלכע מנהגים, וועלכע דיענען אלס סימבאל פון דעם אמאליגען רויבען און קעמפפען. אזוי דערצעהלט לאבבאק פון די נייזעלענדער, דאס נאכדעם ווי דער שידוך

איז שוין אָבגעמאַכט, הויבט דער חתן אָן זיך צו ראַנגלען מיט דער כלה, ביז ער שלעפּט זי אַריבער צו זיך אַהיים. אין אַנדערע פּלעצער מוזען זיך חתן־כלה כלומר'שט ראַנגלען זאָגאַר נאָך דער חתונה, איידער זי ווערט גערעכענט פאַר זיין ריכטיגע פרוי. פון פּ ו ט א אין אַפריקא דערציילט ג ר י י, דאָס נאָכדעם ווי אַלעס איז אַראַנזשירט, בלייבט נאָך איין שוועריגקייט — ווי אַזוי דער יונגער מאַן זאָל אַריינקריגען די פּרוי צו זיך אַהיים. די קרובות איהרע ווילען זיי כלומרשט ניט לאָזען געהן; דער חתן גיט זיי מתנות, און זיינער אַ פריינד כאַפּט די כלה, זעצט זיך מיט איהר רייטענדיג אויף אַ פערד, און פיהרט זי אַוועק צום חתן'ס הויז

עליזע רעקליו דערצעהלט אַז ביי די ט ו ר ק אָ מ אַ נ ע ן אין אַזיען קומען אויף פּאָר אַזעלכע מנהגים, וואו דער חתן דאַרף כלומרשט כאַפּען די כלה. ווען עס האַלט שוין ביי דער חתונה, בעדעקט זיך די כלה מיט אַ לאַנגען שלייער, נעהמט אַ ציגעלע אָדער אַ

אַ טאָרקאָמאַנער יאָגט זיך נאָך זיין כלומרשט אַנטלאָפענער כלה.

קליין שעפּסעל אין איהרע אָרעמס, זעצט זיך אויף אַ פערד און לאָזט זיך רייטען אַזוי שנעל ווי מעגליך. דער חתן מיט אַ חברה גוטע פריינד יאָגען זיך נאָך איהר נאָך און ווען זיי יאָגען זי אָן, קערט זי זיך שנעל אָב און פאַרנעהמט זיך אָן אַ זייט, כדי כלומרשט וויע־דער צו ענטרינען פון זיי. אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דער חתונה, ענטלויפט זי כלומרשט פון איהם ווידער, אָבער דיזען מאָל לויפט זי פשוט צו איהרע עלטערן און פערבלייבט ביי זיי אַ גאַנצען יאָהר, כדי דער יונגער מאַן זאָל קענען אונטער דער צייט בעפּאַלען ארומיגע שטאַמען, און מיט די שקלאַפען, וואָס ער רויבט, קויפט ער זיך אויס די יונגע ווייבעל ביי זיין שווער און שוויגער. און דאָ פאַלט מיר איין, אז די צערעמאָניעס פון אַ אידישע חתונה, וואו דער חתן וואַרפט אַרויף אַ דעקטוך אויף די כלה, און איהרע פריינד פער־שיטען איהם מיט האָבער — מוזען אויך געהערען צו דעם זעלבען סאָרט סימבאָלען.

ווען די פרימיטיווע פעלקער ווערען אַ ביסעל ציוויליזירט, פערליערט דער האַנדעל מיט כלות דעם פראַסטען כאַראַקטער וואָס ער האָט געטראָגען און ווערט אָנגעפיהרט אין אן איידעלערע פאָר־מע. אָנשטאָט דעם וואָס דער חתן זאָל זיך בעדינגען מיט דער כלה'ס פאָטער אָדער פאָרשטעהער וויפיעל צו בעצאָהלען פאַר איהר, שיינקט ער דעם שווער אָדער אַן אַנדער מחותן אַ מתנה, נאָכדעם ווי דער שידוך איז שוין געשלאָסען. שפּעטער ווערט איינגעפיהרט אז ער שיינקט די מתנה דער כלה זעלבסט, (די זאָגענאַנטע מאָרגעז־גאַבע). דערנאָך ווערט אויך איינגעפיהרט דער מנהג פון נדן — מיטגעבען דער כלה אַ טהייל פון איהרע עלטערנס פערמעגען. דיזע איינפיהרונג פערבעסערט אַ ביסעל די לאַגע פון דער פרוי: ווען זי ברייגנט מיט איהר נדן, פיהלט זי זיך מעהר זעלבסטשטענ־דיג ווי די געקויפטע אָדער גערויבטע פרוי, וועלכע איז אַ וואָהרע שקלאַפין ביי איהר מאַן. אויסערדעם, ווען די עלטערן פערקויפען אַ טאָכטער, הייסט דאָס אז זיי ענטזאַגען זיך דורך דעם פערקויף גופא פון אלע רעכטע צו בעשיצען זי אָדער איינשטעלען זיך פאר

איהר, ווערהענד אז זיי גיבען איהר נדן, קענען זיי אייניגער מאַסען פאָדערען, אז דער איידעם זאָל זי גוט בעהאַנדלען.

אָבער די פרויען זעלבסט זיינען קיינמאָל ניט געווען צופריעדען מיט די איינפיהרונגען פון ווערען געריבט אָדער געקויפט; און אויף וויפיעל עס איז פאר זיי מעגליך געווען, האָבען זיי אימער געקעמפפט דאַגעגען. אין אָנפאַנג פון דער פאַטריארכישער פעריאָדע איז די פרוי נאָך ניט אַרונטערגעקומען צו דער שטופע פון אַ געזעצליכען אייגענטום פונ׳ם מאַן; זי האָט נאָך בעדייטענדע פרייהייטען און זי פערטהיידיגט זיך אַליין דורך איהר פיזישע מאַכט, און דורך געוועהר, וועלכע זי געברויכט מיט׳ן מאַן צוגלייך. דער שאַרפזינניגער אַריסטאָטעל האָט נאָך בעמערקט, אַז ביי די קריגערישע פעלקער האָט די פרוי פיעלע פרייהייטען. פּאָול די קאַיללו דערצעהלט אַז ביי די וויקינגס, (די אַלטע נאָרמאַנער) פלעגען אָפט פרויען זיך אָבגעבען צו דער מיליטערישער פּראָפעסיאָן און פלעגען קעמפפען אַזוי בראַוו ווי דער בראַווסטער פון די מענער־סאָלדאַטען. די וויקינגס האָבען געשעצט און געאַכטעט זייערע פרויען, און זיי, די פרויען, פלעגען מעגען בעזיצען אייגענטהום אין זייער אייגענעם נאָמען, און דער גלייכען. ביי די בינעזישע איינוואוינער פון די בערג מאַאָ־טזע געהען די פרויען בעוואַפענט אַזוי ווי די מענער; זיי האָבען פיעלע פרייהייטען און זיינען זעהר רעספעקטירט פון די מענער. אין דאַהאָמיי זיינען די פרויען זעהר טאַפּפער און די קעניגליכע גוואַרדיע, 5000 אין צאָהל, בעשטעהט פון פרויען. די מענער האָבען גרויס רעספּעקט פאַר זיי.

מיט דעם איינפיהר פון מעהר פריעדליכע בעשעפטיגונגען, טהוט די פרוי אויס איהר געוועהר און פערלירט דערביי פיעל פון איהר פריהעריגער אונאַבהענגיגקייט. זי מוז בעאַרבייטען די פעלדער וועלכע געהערען צו איהר מאַן, און שאַפען אַלערהאַנד אַרבייט אין

איהר מאַן'ס הויז. זי ווערט אונטערוואָרפען צו איהם און ער זעהט מיט אַלע מעגליכקייט צו פערוואַנדלען זיין מ אַ כ ט אין אַ ר ע כ ט. די פרוי ווערט דעם מאַן'ס אייגענטהום; איהם געהאָרכזאם זיין ווערד איהר הייליגע פפליכט. אַלע איבעריגע מענער העלפען איהם צו עטאַבעלירען זיך אין זיין ראָלע פון אַ הערשער, און די פערשקלאַ־פונג פון דער פרוי ווערט פערשטאַרקט דורך פערשיעדענע מנהגים, דורך רעליגיעזע צערעמאָניעס, א. ז. וו. עס איז אין דער אינטערעסע פון אַלע מענער, אַז יעדער איינצעלנער מאַן זאָל שטרענג בעהערשען זיין פרוי, און זיי בעשטראָפען דעם יעניגען וועלכער איז צו מילד, — אַזוי ווי אַ געזעלשאַפט פון שקלאַפען־האַלטערס ווילען ניט ליידען דאָס איינער פון זיי זאָל זיין צו גוט צו זיינע שקלאַפען, ווייל דאָס דעמאָראַליזירט די איבעריגע שקלאַפען. ביי די אַלטע נאָרמאַנען, בריינגט ש אַ ש ק אָ ו, פלעגט מען עפענטליך, בפני כל עם ועדה, זיך אויסלאַכען פון אַ מאַן, וועלכער איז געווען בעהערשט פון זיין פרוי. ביי איינינע דייטשע בויערען איז געווען אַ מנהג נאָך ביזן 16טען יאָהרהונדערט, דאָס ווען אַ פרוי האָט געשלאָגען איהר מאַן פלעגען די מענער פון דאָרף קומען צו זיין הויז און אַראָברייסען דעם אויבען פון זיין דאַך, און די פרוי פלעגען זיי פיהרען רייטענדיג אויף אַן עזעל איבער די גאַסען, „כדי די מענער זאָלען געדיינקען אַז גאָט האָט געהייסען דאָס זיי זאָלען זיין די הערשער“. אויך אין תלמוד איז דאָ אַ שפריכוואָרט: גברא דנשי קטלוהו לית דינא ולית דיינא. (ד. ה. פאַר אַ מאַן וועלכען ווייבער האָבען געשלאָגען איז ניטאָ קיין דין און קיין דיין.) אין דער ביבלישער געשיכטע פון ושתי המלכה, וועלכע האָט פערלאָרען איהר לעבען, ווייל זי האָט ניט געוואָלט פאָלגען דעם שכור'ן דעספאָט אַ ח ש ו ר ו ש, זאָגט זיין מיניסטער מ מ ו כ ן בפירוש, אַז דאָס איז געטהאָן געוואָרען כדי „להיות כל איש שורר בביתו“, דאָס יעדער מאַן זאָל זיין הערשער אין זיין הויז. די מעשה מעג זיין ניט מעהר ווי אַ לעגענדע, אָבער זי צייגט דעם גייסט פון די געזעץ־געבער, די מענער.

ווען די פרוי ווערט בעטראַכט אַלס דעם מאַן'ס אייגענטהום, בעהאַנדעלט ער זי ווי יעדע אַנדערע הויז־טהיער, וואָס געהערט צו

איהם. ער קען זי פערקויפען, שיינקען, לייהען, א. ד. גל. אין די פ י ד ז ש י איגזלען, צ. ב. ש., וואו די פרויען ווערען געהאלטען זעהר ניעדעריג, זאָגט לאָבבאָק, אַז די מענער בינדען זיי אָפּט און שלאָגען זיי. ווי אַנדערע אייגענטהום, ווערען זיי פערקויפט, און דער געוועהנליכער מקח איז אַ ביקס. דאָרט פּאַסירט אויך אַמאָל אַז דער מאַן שלאַכטעט די פרוי און מאַכט פון איהר אַ מאָהלצייט. אין אַנדערע פּלעצער אין אויסטראַליען צייכענט דער מאַן זיין פרוי דורך דעם וואָס ער לינקט איהר אויס אַ פינגער, אָדער ער שלאָגט איהר אויס די פאָדערסטע צייהן. דאָס אַלעס קומט זיי ניט פאָר אונמענשליך, ווייל די פרוי ווערט ביי זיי ניט גערעכענט פאַר אַ מענשען, דען וואָס מעהר מאַכט דער מאַן קריגט איבער דער פרוי, אַלס ווייניגער שעצט ער זי און אַלס ווייניגער מענשען־ווערדע האָט זי אין זיינע אויגען. ער פעראַכטעט זי און בעטראַכט זי זאָגאר אַלס אַן אונריינע זאַך. לאָבבאָק זאָגט ווייטער וועגען די פרויען אין אויסטראַליען וואו זיי ווערען גערעכענט אַלס אייגענטהום: — „ווייבער האָבען אַ ווערטה נור אויף וויפיעל זיי קענען דיענען אַלס שקלאַפען, און זיי ווערען שרעקליך שלעכט בעהאַנדעלט. ווייניג וועלכע פרויען, זאָגט מען, לעבען דאָרט ביז 30 יאָהר“. ער ציטירט פון ג. ס. לאָנג, וועלכער זאָגט, אַז דער גאַנצער סיסטעם פון געזעל־שאַפטליכען לעבען ביי די אויסטראַליער פיהרט דערצו, אַז אַלעס זאָל זיין פיר די שטאַרקערע און עלטערע מענשען, און איבערהויפּט צום שאַדען פון די פרויען. די בעסטע מאכלים, די בעסטע שטיקלעך שפּייז זיינען פערבאָטען צו פרויען און צו יונגע לייט. פ ל אָ ס ס זאָגט וועגען די פרויען אין אויסטראַליען: זיי מוזען טהאָן אַלע שווערע אַרבייט, און ווען זיי טהוען די אַרבייט שלעכט, אָדער זיי ברענגען עפּעס אזוי אריין די מענער אין כעס, ווערען זיי געשלאָגען אָהן רחמנות. זיי זיינען אויסגעשלאָסען פון אַלע רעליגיעזע צערע־מאָניעס, און זיי טהאָרען ניט עסען צוזאַמען מיט די מענער. אין נ י י ב ר י ט אַ נ י ע ן איז זיי פערבאָטען דער צוטריט צו רעליג־יעזע האַנדלונגען און צו די געמיינדע־הייזער. ל ע ט ו ר נ אָ זאָגט אַז אין נ י י ק אַ ל ע ד אָ נ י ע ן טהאָר די פרוי ניט עסען צוזאַמען

מיט׳ן מאַן. זי מוז טהאָן אַלע שווערע אַרבייט און אָפט ווערט זי געשלאָגען. אין פּ אָ ל י נ ע ז י ע ן מוזען די פרויען געהן ביז׳ן ברוסט אין וואסער, געברענט פון דער זונן, זייערע פיס געשניטען פון קאָראַלען און זוכען צו כאַפּען שעלפיש אָדער אַנדערע חיה׳לעך פון ים. זיי מוזען קריגען און צוגרייטען דאָס עסען פאַר די מענער און אַליין בענוגענען זיך מיט די שיריים, אָדער מיט דאָס וואָס די מענער ווארפען זיי צו. אין ט אַ ה י ט י מוזען די פרויען אפילו קאָכען דאָס עסען פאַר זיך אויף אַ בעזונדערען פייער. זיי מוזען אָבגעבען כבוד צו אַלע פלעצער וואו מענער זייגען. זיי טהאָרען זיך ניט אָנריהרען אָן דעם קאָפּ פון זייער פאָטער אָדער זייער מאַן, און ווען די מענער לייגען זיך צו, טהאָרען דאָרט קיינע פרויען ניט פערבייגעהן. אין די מ אַ ר ק י ז־ אינזלען טהאָרען די פרויען ניט אריינגעהן אין די שיפלעך, ווייל די ווילדע גלויבען אַז זיי שרעקען אָב די פיש. די בעסטע סאָרטען עסענווארג איז דאָרטען פערבאָטען צו די פרויען. אויף דעם אינזעל ר אַ פּ אַ מוזען די פרויען בעטראַכטען די מענער אַלס געטער, און געבען זיי דאָס עסען אין מויל אריין.

אין אַלטען אינדיען, ווען די פערשיעדענהייט פון די קאַסטען איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, איז די פרוי געווען די שקלאַפין פון דעם מאַן, די טאָכטער איז געווען דעם פאָטער׳ס אייגענטהום, און די מוטער האָט געמוזט פאָלגען איהרע זיהן. ק אָ נ פ ו צ י ו ס האָט איינגעפיהרט אין כינאַ דאָס די פרוי זאָל אונטערוואָרפען זיין צום מאַן און די פאָלגען דערפון זעהט מען יעצט אין גאַנץ כינאַ: די פרוי ווייסט גאָר נישט, לערענט גאָר נישט, געהט ניט ארויס פון הויז, זעהט ניט קיין לעבעדיגען מענשען, האָט ניט קיין שום גייסטיגען לעבען. (פלאָסס). קויפער דערצעהלט פון כינאַ, אַז די פרויען האָבען דאָרט ניט קיין לעגאַלע שטעלונג, זיי ווערען ניט אָנגענומען אַלס עדות פאַר׳ן געריכט, און זייגען פאָלקאָמענע שקלאַפען ביי די מענער. דער פאָטער קען פערקויפען זיין טאָכטער, און אפילו דער מאַן זיין ווייב; אָבער דאָס קומט נאָר פאָר ביי די אָרעמע.

מיר זעהען אַלזאָ, אַז די לאַגע פון די פרויען ביי די ווילדע

איז פערשיעדען אין פערשיעדענע לענדער, אין פערשיעדענע שטופען פון קולטור; נור מייסטען־טהיילס איז זי זעהר א טרויעריגע צוליעב פאלשע בעגריפע, צוליעב נארישע מנהגים, צוליעב פיעל־ווייבעריי, א. ז. וו. און מיר וייסען וואויל אז די לאגע פון דער פרוי אין אונזער ציווילי׳זירטער וועלט איז אויך פול מיט ווידערשפריכע. וועהרענד די פרויען ווערען גע׳חנפ׳עט און נאכגעגעבען ביי די רייכע לײדיגגעהער, איז די פרוי פון דעם פראלעטאריער א שקלאף צו א שקלאף, אן עבד עבדים, און עס פאסען זיך צו איהר ריכטיג די ווערטער פון׳ם רוסישען פאעט נעקראסאוו:

דריי שווערע גורלות זינד דיר אנגעקומען:
מיט׳ן מאן דעם פערשקלאפטען, דיין לעבען פערבינדען
און ווערען א מוטער פון א זוהן פון א שקלאף,
און צו דעם שקלאף ביז אין קבר זיך בויגען.

3.

די פרוי אין אלטען גריכענלאנד.

אין דער לעגענדען־עפּאָכע זיינען די פרויען אין גריכענלאנד געווען געזעלשאפטליך גלייך מיט די מענער, אויב ניט העכער פון זיי; וועניגסטענס אזוי ווייזט אוים פון דער ליטעראטור פון יענער צייט. אין האָמער'ס שריפטען געפינען מיר, אז פרויען ערשיינען איבעראל אין געזעלשאפטליכען לעבען און האָבען א פרייען פערקעהר מיט די מענער. זיי האָבען א צוטריט צו אלערליי געזעלשאפטליכע טהעטיגקייטען; זיי נעהמען א טהעטיגען אנטהייל אין דעם אָלימפּישען ראטה פון די געטער. זיי קענען זיך זעלבסט פערטהיידיגען, דען אויסער שעהנהייט, בעזיצען זיי אויך געוועהר, אזוי ווי צ. ב. ש. די געטין א ר ט ע מ י ד א. א ט ע נ א וועלכע איז זעהר געשיקט אין ווארפען פיילען, נעהמט אנטהייל אין קריעגזאכען. אין דער איליאדא ווערט שטענדיג דערמאָנט ווי העלענא און אנדראמאכא נעהמען אנטהייל אין די בעראטהונגען פון די פיהרער, וועלכע רעספּעקטירען און פאָלגען זיי.

אין דער רעליגיאָן האָט די פרוי דאן פערנומען א הויכען פלאץ און האָט זאָגאר בעאיינפלוסט דעם גייסט פון יענער צייט. אזוי געפינען מיר צו יענער צייט פיעלע פרויען־געטינען, ווי צ.ב.ש. ד ע מ ע ט ר א, וועלכע האָט געלערנט מענשען פעלד־ארבייט און פארם־ווירטהשאפט; די געטין פ א ל ו ד א, וועלכע האָט זיי געלערנט בויען שיפען; ט ע מ י ד א די געטין פון גערעכטיגקייט; נ ע מ ע ז י ס, וועלכע נעהמט ראכע און בעשטראָפט פערברעכער;

מינערוואַ די געטין פון חכמה און פון דער מוזע, די פּאַר־שטעהערין פון קונסט און וויסענשאַפט.

אין אָנפאַנג פון דער אַטהענישער געשיכטע זיינען די פרויען געוועזן זעלבסטשטענדיגע בירגערינס; זיי האָבען געקענט שטימען אין געזעלשאַפטליכע פערזאַמלונגען גלייך מיט די מענער, און אין דער פאַמיליע האָבען זיי, אין געוויסע הינזיכטען, געהאַט נאָך מעהר רעכטע ווי די מענער: די פאַמיליע איז געווען בעגרינדעט אויף מוטער־רעכט, און די קינדער האָבען זיך גערופען נאָך דער מוטער. מיר וועלען שפּעטער זעהן ווי אַזוי דיזע זעלבסטשטענ־דיגקייט פון די פרויען איז פערשוואונדען געוואָרען אין אַטהענס.

וואָס מעהר די גריכישע געזעלשאַפט האָט זיך ענטוויקעלט, אַלץ מעהר האָבען די מענער געקראָגען די מאַכט איבער די פרויען; אָבער די הערשאַפט פון דעם מאַן איז אין גאַנצען פעסטגעשטעלט געוואָרען ערשט מיט דער ענטשטעהונג פון׳ם שטאַט און דער ענט־וויקלונג פון געזעץ־געבעריי. די שטרעבונג פון׳ם מאַן צו זיין הערשער איבער דער פרוי בעמערקט מען נאָך פון פריהער אין דער גריכישער פאַמיליע. דער פאַמיליען־פאַטער זוכט צו ווערען אַן אַבסאָלוטער הערשער איבער אַלע מיטגליעדער פון דער פאַמיליע: ער טהוט וואָס איהם געפעלט מיט׳ן שקלאַף, (וועלכער רעכענט זיך אויך פאַר אַ מיטגליעד פון דער פאַמיליע); ער פעראורטהיילט צום טויט דעם נייגעבאָרענעם קינד, וועלכער איז איהם פאַר־וואָס־עס־איז ניט געפעלען; ער זוכט צו מאַכען פון דער פרוי אַ מעטרעסע און אַ שקלאַפין, וועלכע זאָל דיענען פיר זיין געשלעכט־ליכען פערגעניגען, זאָל איהם געבעהרען קינדער און טהאָן זיין הויז ארבייט. זיין אידעאַל פון דער פרוי איז — זי דאַרף זיין אַ פרוכט־באַרע מוטער און אַ ווירטהין; זי דאַרף מיט אַלע איהרע מענש־ליכע און געשלעכטליכע אייגענשאַפטען דיענען דער פאַמיליע.

די פרוי בעקעמפפט דיזע שטרעבונגען פון דעם מאַן מיט אַלערליי מיטלען, (אַ מאָל ניט מיט גאַנץ ליבענסווערטהע); צום ביישפּיעל, די יונגע טאָכטער ווערט געהאַלטען אונטערן שלאָס, פון דעסטוועגען גיט זי זיך אַן עצה און געפינט אַ ליעבהאָבער, וועלכע־

גנב׳עט זי ארוים און אנטלויפט מיט איהר. דער מאן וויל האלטען זיין ווייב אויסשליסליך פיר זיין אייגענעם געשלעכטליכען גענוס, פון דעסטוועגען זיינען פעלע פון אונטרייהייט פון דער פרוי זעהר הויפיג אין יענער צייט. מיט דער ענטוויקלונג פון רייכטהום וויל דער מאן איינפיהרען פיעל־ווייבעריי — די פרוי קעמפפט דאגעגען און פיהרט אויס אז אין דער עפענטליכער מיינונג וועניג־סטענס זאל מאנאגאמיע זיין דער אידעאל פון פאמיליענלעבען.

ווען עס זיינען נאך ניט געווען קיין געשריעבענע געזעצע און פעסטגעשטעלטע מנהגים, פלעגט דער פאטריארכישער קעניג אין גריכענלאנד רעגולירען די מענשליכע פערהעלטניסע דורך „איין ענטפלעקונג פון היממעל“. אין א ספק אפילו צווישען מאן און ווייב פלעגט דער קעניג ענטשיידען ווער עס איז גערעכט, און זייענדיג א מאנספערזאן, א פאטער און א מאן, פלעגט זיין דעקרעט זעלבסטפערשטענדליך ניט נייגען זיך צו גונסטען פון דער פרוי. די דעקרעטען ווערען מיט דער צייט „א מנהג וואס ברעכט א דין“. מיט דער ענטשטעהונג פון שטאאט בעפעסטיגען די געזעצע איבער דער פרוי דעם דעספאטיזמוס, וועלכען דער מאן האט זיך געסטארעוועט איינצופיהרען אין דער פאמיליע. דער שטאאט וועלכער איז געגרינדעט געווארען אויף עקספלואטאציאן פון שקלאפען האט פון דער פרוי אויך געמאכט א שקלאפין, און האט פון איהר געפאר־דערט זי זאל איהם נור געבארען שעהנע שטארקע בירגער.

אין ספארטא האט דער שטאאט אריינגעכאפט אין זיינע הענד אלעס: אי די צוטהיילונג פון אייגענטהום, אי די פערהעלט־ניסע פון די געשלעכטער, אי די פאמיליען־אנגעלעגענהייטען, אי די קינדער־ערציהונג. דער הויפט־צוועק פונ׳ם שטאאט איז געווען די פערמעהרונג פון געזונדע מענשען, די אויפבעוואהרונג פון איינ־פאכע, זאגאר גראבע זיטען, און די איינפלאנצונג אין די בירגער פון בראווהייט און אנדערע סאלדאטסקע מעלות. פאר די פרויען זיינען אין א געוויסער מאס, דיזע קריעגערישע נייגונגען פון די ספארטא־נער געווען גינסטיג, ווארום אזוי ווי דאס רוב ביי קריעגערישע פעלקער, האבען די פרויען אין ספארטא געהאט מעהר פרייהייט

און רעכטע, ווי צום ביישפּיעל אין אַ ט ע נ ס ; דען אין אַטענס איז זייער טהעטיגקייט געווען בעגרענצט אויף הויז־ארבייט און זיי זיינען געווען אונטעריאָכט מעהר פון פאַמיליענדרוק אַלס פון געזעלשאַפטליכע הערשאַפט. פון דער ספּאַרטאַנקע אָבער האָט מען געפאָדערט זי זאָל געבאָרען שטאַרקע קינדער, זי זאָל זיין די מוטער פון בראַווע בירגער. די מיידלעך האָבען דערפאַר געקראָגען די זעלבע ערציהונג ווי די אינגלאַך ; זיי האָבען גלייך געמאַכט גימ־נאַסטישע איבונגען און אַנטהייל גענומען אין דיזעלבע ספּאָרטס. און די פרויען האָבען זיך דאָרטען ווירקליך גוט ענטוויקעלט פיזיש ; זיי זיינען געווען געזונד און שעהן, מיט שטאַרקע מוסקולען, מיט בייגזאַמע גליעדער. נור די אַנדערע גריכישע שטעדט און אינזלען פלעגען שטאַרק מורמלען איבער די ספּאַרטאַנער פרויען, אַז ביי דער גימנאַסטיק געהען זיי צופּיעל נאַקעט, און אַז פּיעלע פון זיי קויפען זיך אויס פון די געזעצע, לויט וועלכע אַלע בירגער, סיי מענר סיי פרויען מוזען דורכמאַכען געוויסע איבונגען. ג ר אָ ט ע איז דער מיינונג אַז דיזע לעצטע בעשולדיגונג געהט אָן אויף אַ שפּעטיגערע צייט, ווען פּיעלע ספּאַרטאַנער פרויען האָבען אָנ־געזאַמעלט אַ סך רייכטהימער, און ספּאַרטאַ האָט געהאַלטען ביים צופאַלען, דאַן פלעגען ווירקליך זיך פּיעלע אויסקויפען פון צו טהאָן זייער פליכט.

אָבער לויט די געזעצע פון ל י ק ו ר ג ו ס האָט דער שטאַאַט בעשטימט אַלעס, זאָגאַר אין וועלכען עלטער מען זאָל הייראַטהען ; מיידלאַך האָבען ניט געטאָרט הייראַטהען צו יונג, מענער האָבען געדאַרפט הייראַטהען ווען זיי זיינען געווען אונגעפעהר 30 יאָהר אַלט. דער שטאַאַט האָט בעלוינט דעם בירגער וואָס האָט געהאַט פּיעל קינדער, און וואָס מעהר שטאַרקע געזונדע קינדער זיינען ביי איהם געבאָרען, אַלץ מעהר פריווילעגיעס האָט ער געקראָגען פון שטאַאַט. עס איז דאָרום געווען אין יעדען מאַנ׳ס אינטערעסע, אַז זיינע קינדער זאָלען זיין קרעפטיג געבויט. „אַן אַלטער מאַן פון אַ יונגער פרוי״ דערצעהלט פּלוטאַרך, „האָט געקענט בעטען אַ יונגען שכן ער זאָל זיין אַנשטאַט איהם מיט זיין פרוי, און דאָס

קינד וואָס איז געבאָרען געוואָרען האָט געהערט איהם, דעם אלטען. א מאַן א גבור, וועמען עס איז געפעלן געוואָרען א פרוכט־בארע, טוגענדהאפטע פרוי, האָט געקענט בעטען ביי איהר מאַן, ערלויבנים צו לעבען מיט איהר.“ די געזעלשאַפט האָט אויף דעם ניט געקוקט קרום, ווערהענד פאַר אַ מאַן צו האָבען צוויי פרויען איז געווען כמעט אונערהערט. אין ספאַרטאַ האָט אַלזאָ עקזיסטירט מאָנאָגאַמיע מיט אַ מין סאָרט פאָליאַנדריע. די קינדער האָבען געהערט צום שטאַאט גלייך פון דער געבורט. אַ קאָמיטעט פלעגט אונטערזוכען די נייגעבאָרענע; די שעהנע, די קרעפטיגע האָט מען געלאָזט לעבען פאַר'ן שטאַאט, די פאַרבראַקירטע האָט מען געטויטעט.

די קאָנסטיטוציע פון ליקורגוס האָט אַלזאָ מעהר ניט געזעהן אין דער פרוי ווי די נויטווענדיגקייט פון איהר געשלעכט פאַר'ן שטאַאט אום צו רעקרוטירען בירגער, און די געזעצע האָבען רעגולירט בלויז איהרע געשלעכטליכע בעציהונגען. קוים האָט זי ערפילט איהר מיסיאָן פאַר'ן שטאַאט און געהאַט קינדער, האָט דער שטאַאט איהר ניט איבערגעלאָזען מעהר קיינע פונקציאָנען. ערציהען די קינדער איז געווען ניט איהר זאַך. דערפאַר הייסט דאָס ביי אַריסטאָטעל דאָס די לאַגע פון דער ספאַרטאַנקע איז געווען אַן אונבעשטימטע, אַן „אויסערגעזעצליכע“ ווי ער דריקט זיך אוים. מיידעלוויז האָט מען זי צוגעגרייט צו האָבען שטאַרקע קינדער; דערפאַר האָט זי געקראָגען אַ גלייכע ערציהונג מיט די מענער און האָט גענומען אַנטהייל אין געזעלשאַפטליכען לעבען. קוים האָט זי חתונה געהאַט און געבאָרען קינדער, איז זי אַראָב פון מאַרק, ווי מען זאָגט. זי האָט געמוזט על פין דין זיצען אין דער היים, געהן מיט אַ פערדעקטען פנים און זיין טריי איהר מאַן.

די פרויען פון ספאַרטאַ זיינען געווען שטאַרק אונצופריעדען מיט ליקורגס'עס געזעצע, (אפשר טאַקע דערפאַר ווייל דאָס געזעץ האָט זיי בעטראַכט אזוי איינזייטיג). אַריסטאָטעל דערצעהלט, אַז ביי דער איינפיהרונג פון זיין קאָנסטיטוציע זיינען די פרויען בעפאַלען ליקורגוס'ען און האָבען איהם אויסגעקראַצט די אויגען.

דאָך האָבען די ספּאַרטאַנקעס געדאַרפט איהם דאַנקבאַר זיין וואָס ער האָט זיי פאַרגעשריעבען אַ גלייכע ערציהונג מיט מענער, דען דורך זייער ערציהונג און דורך זייער בראַוועהייט האָבען די פרויען באַלד געקראָגען אַ גרויסען איינפלוס אויף אַ ל ע געזעלשאַפטליכע אַנגעלעגענהייטען. זיי פלעגען קומען אויף די עפענטליכע פערזאַמ־לונגען און האָבען אין פיעלע זאַכען געהאַנדעלט גאָר ניט נאָך ליקורג׳ס געזעצע. עס איז, צום ביישפּיעל, געווען פערבאָטען צו געבען אַ טאָכטער צופיעל נדן, כדי אַנצוהאַלטען אַ געוויסע צוטהיי־לונג פון רייכטהום וועלכע איז האַרטען געווען איינגעפיהרט, און כדי אַ רייכע פרוי זאָל ניט הערשען איבער איהר אָרימען מאַן; פון דעסטוועגען זיינען די סומען פון נדן אַלץ געוואַקסען ביז כמעט צוויי־דריטעל לאַנד האָט זיך איינגעפונען אין די הענד פון פרויען. און אַלס פאָלגע דערפון האָבען זיי געהאַט אַן אונגעהייערען איינ־פלוס אין ספּאַרטאַ, און האָבען ניט דערלאָזען אז מען זאָל זיי בעטראַכטען און בעהאַנדלען נור אַלס קיה וואָס קענען געבאָרען שטאַרקע קעלבער.

* * *

אַ לעגענדע איבער די ענטשטעהונג פון אַ ט ע נ ס דער־צעהלט אַזוי: פּלוצלונג איז אויף יענעם אָרט (וואו אַטענס איז שפּעטער אויפגעבויט געוואָרען) אויסגעוואַקסען אַ׳ן אוילבערט בוים, און נאָהענט דערביי איז געוואָרען אַ וואַסער. דער קעניג האָט געשיקט אין ד ע ל פ י פרעגען דעם דאָרטיגען אָראַקעל (אורים ותומים) וואָס דאָס בעטייט. דער אָראַקעל האָט געענטפערט, דאָס דער אוילבערט בוים בעטייט מ י נ ע ר ו ו א, די געטין פון ווייז־הייט, (וועלכע האָט אויך געהייסען אַ ט ע נ אַ) ; און דאָס וואַסער מיינט נעפּטון, דער גאָט פון ים. די בירגער האָבען ניט געקענט בעשליסען מיט דעם נאָמען פון וועלכער גאָטהייט מען זאָל רופען די שטאָדט. די מענער האָבען געוואָלט מען זאָל די שטאָדט רופען נעפּטון, די פרויען האָבען פערלאַנגט מען זאָל די שטאָדט אַ נאָמען

געבען אַטענאַ (מינערוואַ). די פרויען האָבען אויסגעפיהרט, און דער נאָמען פון דער שטאַדט איז געבליעבען אַטענס; האָט נעפטון פּאַראיבעל געהאַט און האָט פערגאָסען דאָס גאַנצע לאַנד מיט וואַסער. אום איבערצובעטען דעם ברוגז'ן גאָט האָבען די פרויען געמוזט ענטזאַגען זיך פון דאָס רעכט צו שטימען אויף פאָלקס־פערזאַמלונגען, די קינדער האָבען זיך ניט מעהר גדאַרפט רופען נאָכ'ן נאָמען פון דער מוטער, זאָנדערן נאָכ'ן פאַטער, און פון בירגערינס מיט פולע רעכטע זיינען די פרויען געוואָרען נור ווייבער פון בירגער.

דיזע לעגענדע צייגט אָן אויף אַן איבערגאַנגס־שטופע פון מוטער־רעכט צו פאַטער־רעכט, און דאָס מיט דער ענטוויקלונג פון'ם אַטענישען שטאַאַט איז די פרוי געוואָרען אַלץ מעהר אונטערדריקט. זי פערליערט איהרע פּאָליטישע רעכטע, ווערט אַרויסגעשטופט פון געזעלשאַפטליכע טהעטיגקייט, און ווערט פערקנעכטעט צו דער פאַמיליע. שפּעטער האָט מען פרויען פערבאָטען צו שטודירען מעדיצין און אפילו אַקושערסטוואָ. מען האָט ניט דערלאָזען פער־הייראַטהע פרויען צו זיין פּריסטערינס; זיי איז געווען פערבאָטען צו בעזוכען דעם טהעאַטער, צו זיין אַנוועזענד ביי די אָלימפּישע שפּיעלען, צו נעהמען אַנטהייל אין געזעלשאַפטליכע ימים טובים, צו עסען אין איין צימער מיט די מענער, אפילו צו געהן צו לויות, איידער זיי זיינען געווען 60 יאָהר אַלט, א. ד. גל. זיי זיינען געוועזן פערשפּאַרט אין די גינעקעען (פרויען־הייזער) און זיי האָבען אפילו ניט געטאָרט אַרויסקוקען פון די פענסטער. פּלוטאַרך האָט אויסגעדריקט דעם געזעלשאַפטליכען אידעאַל וואָס דער מאַן האָט פאָרגעהאַלטען דער פרוי אין דיזע ווערטער: „דער נאָמען פון אַן עהרליכע פרוי צוזאַמען מיט איהר פערזענליכקייט דאַרף זיין איינ־געשלאָסען אין די פיער וועגט פון הויז". מיט איין וואָרט, מען האָט געוואָלט אין גאַנצען פערניכטען די פערזענליכקייט פון דער פרוי און מאַכען פון איהר בלויז איין אינסטרומענט פיר די ציעלען פון דער פאַמיליע.

א טאָכטער פלעגט זיין אין דעם רשות פון איהר פאַטער; ער

פלעגט זי קענען אויסגעבען פאר וועמען ער האט געוואלט, און גאנץ אָפט האט ער זי פערקויפט יענעם חתן וועלכער האט בעצאָהלט א בעסערען פּרייז. אן אטעניִשע פרוי האט ניט געטאָרט הייראטהען א מאן פון א פרעמדען לאנד: די שטראָף פאר אזא פערברעכען איז געווען דאס זי פלעגט פערקויפט ווערען פאר א שקלאפין און איהר פאטער פלעגט מוזען בעצאהלען 1000 דראכמען (א געוויסע מטבעה), די מאָנאָגאמיע איז געווען די געזעצליכע פאָרמע פון הייראטה, אבער בלויז פון דער פרוי האט מען שטרענג געפאָדערט זי זאָל זיין טריי דעם מאן; ער האט אָפט געהאט פיעלע קעבס־ווייבער, און א מאָל זאָגאר עטליכע געזעצליכע פרויען. דער שטאאט האט דארויף געקוקט דורך די פינגער און פלעגט נאָך זעלבסט געבען די מענער די מעגליכקייט צו אויסגעלאסענהייט דורך קאזיאָנע הייזער פון פּראָסטיטוציע, א. ד. גל. דער מאן איז געווען דער פולער הערשער איבער דער פרוי: זי פלעגט איהם מוזען אָנרופען ניט מיט זיין נאָמען, זאָנדערן — מ י י ן ה ע ר ר! זי איז אימער געווען אונטער וועמעס־עס־איז רשות; פריהער דעם פאטער׳ס, דערנאָך דעם מאנס, נאָכ׳ן מאן׳ס טויט פלעגט זיין הער־שאפט איבער דער פרוי איבערגעהן צו זיין יורש. דער צוועק פון אלעם דעם איז געווען אויפצוהאלטען די פאטריארכאלישע פאמיליע, וועלכע האט געדיענט אלס די שטיצע פון דער געזעלשאפט, דער גריעכע האט זעהר געזאָרגט זיין פאמיליע זאָל ניט אויסשטארבען און זיין נאָמען זאָל ניט פערלאָרען ווערען אין די קומענדיגע דורות, און אויף דער פרוי האט ער געקוקט ניט ווי אויף א מענשען, נור ווי אויף א מיטעל אויפצוהאלטען דעם נאָמען און די פאמיליע.

אָבער די פרויען פון גריכענלאנד האבען ניט געוואלט נאָכ־קומען די פאָרדערונגען פון די מענער און האבען מיט אלערליי מיטלען געקעמפפט געגען זיי; און די מענער זיינען דארום געווען שטארק בייז אויף די פרויען און האבען זיי געהאסט און פעראכטעט. מען האט דער פרוי צוגעשריעבען פיעלע שלעכטע אייגענשאפטען און מען האט אויף איהר רעכנונג געמאכט פוילע וויצען. זאָגאר א ר י ס ט אָ ט ע ל האט געלערנט, דאס די נשמה פון א פרוי איז

נידעריגער ווי די נשמה פון א מאן; און אפילו אויף יענער וועלט האָט מען די פרוי פערשפּראָכען נור דעם גיהנום, וואו זי וועט בלאָנדזשען צווישען די דונקעלע שאטענס.

אויף די מאָראליטעט פון די פרויען האָבען אויפגעקוקט ניט נור זייערע מענער און קרובים, נאָר עס זיינען אויך געווען ספּעציעלע אינספּעקטאָרס (דעטעקטיוום) וואָס האָבען אויפגעפּאַסט אז די פרויען זאָלען זיך זיטליך אויפפיהרען. און ווען מען האָט אזוי שטרענג נאָכגעקוקט, מסתמא איז געווען וואָס נאָכצוקוקען. עס איז אויך קיין וואונדער ניט: די פרויען האָבען געמוזט רעוואָל־טירען געגען דעם דרוק וועלכער האָט זיי געדריקט פון אלע זייטען— קיינע רעכטע אין דער געזעלשאפט, אונטערוואָרפענהייט אין דער היים, געשלעכטליכע פערשקלאפונג. שקלאפעריי איז זעהר א שאָקעלדיגער פונדאמענט, און א געזעלשאפט אָדער אַן אינסטי־טוציאָן וועלכע איז געבויט דערויף מוז אם ענדע פאלען. די פרויען האָבען געשטרעבט צו פרייהייט, און די אלטע גריכישע פאמיליע איז געפאלען.

די שטרעבונג צו געשלעכטליכער פרייהייט האָט געפונען אַן אויסגאנג אין דעם העטעריזמוס („העטערא" מיינט, פריינדין). די העטערען זיינען געווען די שעהנסטע און העכסט געבילדעטע פרויען פון גריכענלאנד. אין זייערע סאלאָנען פלעגען זיך פער־זאמלען אלע גרויסע פילאָזאָפען, פּאָעטען, שטאאטסלייטע און גענעראלען. אלע גרויסע מענער פון יענער צייט האָבען געזוכט זייער פריינדשאפט אין זייער ליעבע און האָבען געשעפּט פערגניגען פון זייער שעהנהייט און זייער בילדונג. די בעזוכער פון די העטערען האָבען אויף זיי געשפּענדעט גרויסע פערמעגענס, און האָבען אויפגעהאלטען זייערע סאלאָנען אויף קעניגליכער אַרט. דער שטאאט האָט סאנקציאָנירט דעם העטעריזמוס. פון אָנפאנג זיינען העטערען געווען נור שקלאפינען, וועלכע זיינען בעפרייט געוואָרען דורך זייער שעהנהייט; שפּעטער האָבען זיך אויך פרייע גריעכינען איבערגעגעבען דער „פּראָפעסיאָן" פון העטעריזמוס, וועלכע זיי האָבען זאָרגפעלטיג שטודירט. זיי האָבען איינגעזעהן אז עס

לוינט זיי בעסער פריוווילּיג צו פערקויפען זייער ליעבע ווענן זיי ווילען, איידער צו זיין פעראכטעטע שקלאפינען ביי זייערע געזעצ־ליכע מענער.

נאכפאלגענדיג דעם ביישפיעל פון די העטערען איז אויך די פאמיליען־פרוי געווארען עטוואס פרייער געשלעכטליך. זי האט אבער געשטרעבט צו קריגען אויך א צוטריט צום געזעלשאפטליכען לעבען, צו בעשעפטיגען זיך מיט וויסענשאפט און קונסט צו נעהמען זאגאר אנטהייל אין דער רעגיערונג. און ביסלעכווייז האט זי טאקע וואס עס איז אויסגעפיהרט אויך. צום ביישפיעל, פרויען האבען אנגעהויבען צו קומען צו די אלימפּישע שפּיעלען, טראץ דעם געזעץ וועלכער האט עס פערבאטען, און א ספּארטאנישע פּרינצעסין איז געווען די ערשטע פרוי וועלכע האט געקראגען א פּרייז אויף די אלימפּישע רייסעס. אין פּאליטיק, אין רעליגיאן, איבעראל האבען די פרויען געזוכט צו קריגען בירגעררעכט, גלייכע רעכטע מיט מענער. דער גריעכישע שריפטשטעלער אריסטאפאנוס, וועלכער איז שטארק בייז געווען אויף די פרויען פאר זייערע פרייהייטליכע שטרעבונגען האט זיי געוואלט לעכערליך מאכען אין זיינע קאמע־דיען. איין פרוי פון זיינע כאראקטערע מענה'ט ביי איהם אזוי: „איך פאדער אז אלעס זאל געהערען אלעמען געמיינשאפטליך, אז עס זאל ניט זיין קיין ארעמע און קיין רייכע — אויף איין זייט מענשען וועלכע בעזיצען אונגעהייער פיעל לאנד און אויף דער אנדער זייט מענשען וועלכע בעזיצען נור א שפּאן ערד אויף א קבר. די פרויען מוזען אויך געהערען אלעמען געמיינשאפטליך.“ (היינ־טיגע צייטען געפינען זיך אויך אזעלכע העלדען, וועלכע ווילען לעכערליך מאכען דעם קאמוניזמוס דורך דעם זעלבען סארט ארגומענט.)

צווישען די גריכישע פרויען פון יענער צייט, וואס האבען געקראגען א צוטריט צו פילאזאפיע, קונסט און ליטעראטור האט זיך אויסגעצייכענט א ס פ א ז י א, די פרוי פון דעם גרויסען שטאאטסמאן פעריקלעס. די בעסטע געזעלשאפט פון אטהענס פלעגט קומען צו איהר דיסקוטירען איבער פאליטיק, וויסענשאפט,

א .ד .גל. זי האָט פערפאַסט און געשריעבען פיר פעריקלעס זיינע בעסטע רעדען, וועלכע האָבען דערנאָך געדיענט פיר אַ מאָדעל פון גריעכישע מליצה. ניט וועלענדיג צוגעבען אַז אַ פרוי זאָל קענען זיין אַזוי געלערנט, האָבען די אַטהענער געזאָגט, אַז אין איהר איז אריבער די נשמה פון פיטאַגאָראַס. אין פּאָעזיע האָבען זיך אונטער אַנדערע אויסגעצייכענט ס א פ ה אָ, און ק א ר י נ אַ, וועלכע האָט פינף מאָל געוואונען א פרייז אין קאָנקורענץ מיט'ן בעריהמטען דיכטער פ י נ ד אַ ר. אין דער וויסענשאַפט גלענצען אויך פיעלע פרויען־נעמען, ווי צום ביישפּיעל, פ י ל ע נ י ד א, וועלכע איז געווען געלערנט אין אַסטראָנאָמיע און האָט פאָראויס געזאָגט ווען עס וועט זיין א ליקוי חמה, וואָס צו יענער צייט איז דאָס געווען גערעכענט פאַר וואונדערבאַר. פיטאַגאָראַ'ס דריי טעכטער און זייער מוטער האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פילאָזאָפיע און האָבען געשריעבען פיעלע פילאָזאָפישע ביכער. אַ ר ע ט אַ, די טאָכטער פון אַריסטיפּוס, איז געווען 25 יאהר אַ לעהרערין פון פילאָזאָפיע אין אַטהענס און האָט געשריעבען ביכער וועגען פיעלע געגענשטענדע. די גריכען האָבען געגלויבט אז אין איהר איז מגולגל געוואָרען די נשמה פון סאָקראַטעס.

די פרויען פון גריכענלאַנד האָבען אַלזאָ געקעמפּפט פאַר פרייהייט און גלייכהייט, און ווי מיר זעהען האָבען זיי אייניגער־מאָסען געהאַט אַן ערפאָלג. עס איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין די בעגריפע וועגען פרויען. אנשטאט דעם וואָס מען האָט פריהער געהאַלטען דאָס די נשמה פון אַ פרוי איז ניעדעריגער ווי אַ מאַנ'ס נשמה, לערנט פּלאַטאָ אין זיין פּראָיעקט פאַר די פיהרונג פון דער רעפּובליק, דאָס די פרויען־נאַטור איז גלייך מיט דער נאַטור פון די מענער, און דאָס די פרויען זיינען דאַרום פעהיג צו גייסטיגע און בירגערליכע טהעטיגקייט מיט מענער צוגלייך. מען דאַרף זיי אַלזאָ ניט בעזייטיגען פון צו בעשעפטיגען זיך מיט וויסענשאַפט און פון צו נעהמען אַן אַנטהייל אין שטאַאטס־אַנגעלעגענהייטען.

נאַטירליך, האָט פּלאַטאָ, אלס קינד פון זיין צייט, געלערנט

דאָס די פּערזאָן דאַרף זיין אונטערוואָרפען דעם שטאַאַט. אויך הייגט לערנען פיעלע, דאָס מען מוז זיין אונטערוואָרפען דעם שטאַ־אַט אָדער דער פאַמיליע, אָדער אירגענד וועלכען העכערען וועזען. דורך דעם האָבען געליטען ניט נור די פרויען אין אַלטען גריכענ־לאַנד, דורך אַזעלכע בעגריפע ליידען מענער און פרויען, הייגט און אַלע מאָל, אין אַלע טהיילען פון דעם ערד־קוגעל.

.4

די פרוי אין אלטען רוים.

היינטיגען טאָג פערשטעהען מיר אונטער דער פאַמיליע א פּאָר פאָלק, (דאָס עהע־פּאָר) און די קינדער וועלכע קומען פון זיי ארויס. די אבשטאַמונג פון איינע און דיזעלבע עלטערן איז דער באזיס פון קרובת־שאַפט (Cognation) פאַר קרובים ווערען ביי אונז גערעכענט אויך יענע, וועלכע שטאַמען אָב פון איין פאטער און ניט פון איין מוטער, אָדער פערקעהרט. אום צו זיין א מיטגליעד פון א פאַמיליע מוז מען אַלזאָ, אין וועלכען עס איז פריהערדיגען דור, דירעקט ארויסקומען פון געמיינשאַפטליכע עלטערן. — א גאַנץ אַנדערע בעדייטונג האָט די פאַמיליע געהאַט אין אלטען רוים. אלס מיטגליעדער פון דער פאַמיליע האָבען זיך גערעכענט אַלע וואָס האָבען געהערט צו איהר פאָרשטעהער, דעם פאַמיליענ־קאָפּ. קינדער, שניר, אייניקלעך, געקויפטע קנעכט, גע׳ירש׳נטע שקלאַפען, צוגעשריעבענע זיהן — אַלע האָבען גלייך געהערט צום פאַמיליענפאַטער און ער איז געווען זייער פאָלמעכטיגער הערשער. די קרובת־שאַפט האָט זיך גערעכענט ניט דורך דעם ארויסקומען פון איין פאטער און מוטער, נור דורך די אויטאָריטעט פון דעם פאַמיליענפאָטער. אַלע די אויף וועמען עס גרייכט זיין אויטאָרי־טעט זיינען דורך דעם אַליין קרובים און געהערען צו דערזעלבער פאַמיליע. (Agnation — קרובת־שאַפט ניט דורך געבורט.)

די רעכטע פון דעם פאַמיליענפאַטער זיינען געווען אוגבע־

שרענקט. (Patria Potestas) ער האָט געמעגט פערקויפען, קערפערליך בעשטראָפען און אפילו הינריכטען זיינע קינדער, זיין פרוי, זיינע שקלאַפען, א. ד. גל. אַן ערוואקסענער זוהן פון א רוימער האָט געהאַט אַלע רעכטע פון א „פערזאָן“ אין געריכט, אין סענאַט אָדער אין לאַגער; אין זיין טאַטענס הויז אבער איז ער געווען ניט מעהר ווי א „זאַך“ וואָס געהערט צו דער פאַמיליע, און פאַר'ן געזעץ איז ער געווען גלייך מיט זיין פאַטערס שקלאַפען, פיה, מעבעל, א. ד. גל. אַלעס וואָס דער זוהן האָט פערדיענט אָדער ערגאָבערט איז געווען צוגערעכענט צום פאַטערס פערמעגען. דער פאַטער האָט איהם געקענט איינשפאַרען, בינדען אין קייטען, פערשיקען אָדער פעראורטהיילען צו שווערע ארבייט. קיין זאַך האָט ניט געהאָלפען אנטקעגען דעם סאָרט כבוד־אָב. דער זוהן האָט געקענט זיין א בעיאָהרטער מענש, האָבען א גרויסען אמט, זיין זאָגאַר א קאָנסול, א זיעגער אין א קריעג — און דאָך איז ער געבליעבען אונטערטהעניג דעם פאַטער, און זיינע קינדער אפילו זיינען אויך געווען אונטערוואָרפען דער אויטאָריטעט פון זייער זיידען. אַזוי האָט, צום ביישפיעל, ע ר י ק ס א פערשמיכען זיין זוהן צום טויט, און דער רוימישער קיסר האָט איהם פריי־געשפּראָכען, ווייל ער האָט אנערקענט אז א פאַטער האָט דאָס פאָל־קאָמענע רעכט צו טאָן מיט זיין זוהן וואָס ער וויל. ווען דער בעוואוסטער טריבון ס פּ ו ר י ו ס ק א ס ס י ו ס האָט זיך ענט־זאָגט פון זיין אמט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט אונטערדריקען דאָס פאָלק, האָט זיין פאַטער זיך נוקם געווען פאַר'ן פאַטריציאַט: ער האָט פעראורטהיילט זיין זוהן דעם דעמאָקראַט צום טויט, און האָט איהם אליין הינגעריכטעט ביים פאַמיליען־אַלטאַר.

מיט דער צייט איז די מאַכט פון דעם פאַטער איבער זיינע קינדער פערקלענערט געוואָרען, און ער האָט זיי געקענט נור פער־אורטהיילען, אבער ניט הינריכטען. שפּעטער האָט ער זיי געקענט נור בעשולדיגען, פערהאורטהיילען אפילו אויך ניט, און טויטען אַן איינענעם זוהן האָט מען אָנגעהויבען צו רעכענען פיר א מאָרד־

טהאט. נאָך שפּעטער האָט מען גערעכענט פאַר מאָרד אפילו דאָס הערווערגען אָדער פערהונגערן פון ניי־געבאָרענע קינדער.

אונטער אזא אונבעגרענצטער מאכט און געזעצליכער טיראַניי פון דעם פאַמיליענפאטער, קען מען זיך לייכט פאָרשטעלען וואָס פאַר א שטעלע די פרוי האָט פערנומען. דעספּאָטיזמוס און פרויען־פרייהייט זיינען צוויי בעדינגונגען וואָס שליסען אויס איינע די אַנדערע. און ווירקליך איז די לאַגע פון דער פרוי גאָר ניט געווען וואָס מקנא צו זיין. זי איז געווען אונטערוואָרפען דעם „פאַטריאַ־פּאָטעסטאַס" (די פּאָטער־מאכט) פון איהר מאַן און האָט זיך גערעכענט פאַר'ן געזעץ אַלס זיינע א טאָכטער. (Filiae Loco) איהר פערמעגען און איהרע רעכטע זיינען איבערגעגאַנגען צו איהר מאַן גלייך נאָכ'ן הייראַטהען, און אויב דער מאַן איז געווען אַן אונבעפרייטער זוהן, זיינען די רעכטע אריבער צו איהר שווער. זי האָט זיך געמוזט ענטזאַגען פון דעם נאָמען און פון די געטער פון איהר פאָטער'ס הויז, אום אריינצוטרעטען אין א נייע שקלאַפעריי צו איהר מאַן. זי האָט על פּי דין ניט געקענט ערווערבען זיך אייגענטהום, ניט מאכען קיין צוואה, אפילו ניט אָננעהמען געשענקע פון איהר מאַן; אויב זי האָט וואָס עס איז פערדיענט אָדער געקריגען א פערמעגען בירושה, האָט דאָס אַלעס געהערט צום מאַן. דאָס געזעץ האָט זי געהאַלטען ניט פאַר א מענשען, זאָנדערן פאַר א זאַך וואָס געהערט צום מאַן, וועלכער האָט געהאט איבער איהר אַלע רעכטע, ווי דער פאַמיליענפאטער איבער די מיטגליעדער פון דער פאַמיליע. ער האָט אויפגעקוקט אויף איהר אויפפיהרונג, און אויב איהם איז עטוואָס געווען ניט געפעלען, האָט ער זי געקענט בעשטראָפען. ער האָט זי געקענט משפט'ן און פער'משפט'ן צום טויט. אַזוי האָט, צום ביישפּיעל, איגנאַטיוס מעטעללוס געטויטעט זיין פרוי ווייל זי האָט זיך איינגע'שכור'ט; און וואַלעריוס מאַקסימוס וועלכער דערצעהלט דאָס, זאָגט אַז קיינער האָט עס ניט געהאַלטען פאַר אַן אונרעכט — פאַרקעהרט, מען האָט דערויף געקוקט ווי אויף א גוטען ביישפּיעל פאַר אַנדערע.

די פרוי איז געווען געצוואונגען אויפצוהאַלטען דעם מאַן אפילו

ווען ער איז געווען א שכור, אן אויסגעלאסענער, א קארטענשפיעלער א. ד. גל. זי האט זיך בעפרייט פון דעם יאך נור ווען דער מאן האט וועמען עס איז פערגיפטעט, אדער איז בעגאנגען א מארד, אדער ווען ער האט בערויבט די טעמפלען פון די געטער.

אין רוים פלעגט זיין צווייערליי סארטען הייראטה — די פאטריצישע און די פלעבעאישע *). די פאטריצישע הייראטה (קאפארערעאציא) איז געווען געגרינדעט אויף דער אידעע דאס דער גאנצער פאטריציאט שטאמט אב פון די זעלבע אלטע עדעלע בלוט. דיזע הייראטה איז געווען דער באזיס אויף וועלכען מען מען האט געבויט דעם אריסטאקראטיש־פאטריארכישען פרינציפ פון פאטערהעכט: די פאמיליע איז הייליג און זעלבסטשטענדיג; דער פאטער איז דער אונבעשרענקטער הערשער; די פרוי איז נור א „זי" וואס קען געבארען קינדער און דערמיט דיענען דער פאמיליע. צו ברעכען אזא הייראטה מיינט אונטערגראבען דעם באזיס פון דער געזעלשאפט: גט איז דארום א זאך דער אונ־מעגליכקייט. ווען עס געשעהט אזא וויכטיגער פאקט ווי די פער־שטארקונג פונ'ם געזעלשאפטליכען באזיס, מוז מען דאס פייערן מיט פאסענדע צערעמאניעס — און צערעמאניעס האבען ניט געפעהלט ביי א פאטריצישע הייראטה.

מיט דער אבזיכט צו ערציהען שטארקע בירגער האט ליקורגוס אין גריכענלאנד איינגעפיהרט אז די פרויען זאלען ניט הייראטהען צו יונג. דער רוימישער געזעצגעבער נומא דאגעגען האט בעפוילען אז א מיידעל זאל חתונה האבען צו צוועלף יאהר, כדי

*) די פאטריציען (פון Pater א פאטער) זיינען געווען די אלטע רוימער אריסטאקראטען, וועלכע האבען אבגעשטאמט פון איינגע־בארענע רוימישע פאמיליעס. זיי האבען בעזעסען פיעל לאנד, רייכטהי־מער און שקלאפען. די פלעבעער זיינען בעשטאנען פון א צוזאמענמי־שונג פון פעלקער, וואס די רוימער האבען בעזיעגט, פון איינגעוואנדערטע מענשען, און ד. גל. זיי זיינען געווען פערזענליך פריי, נור זיי האבען ניט געהאט קיינע פאליטישע רעכטע.

ווען זי איז נאָך יונג און ריין, זאָל דער מאַן זי קענען ערציהען צו זיין געהאָרכזאַם און בויגען זיך צו זיין ווילען. די איינציגע געזעצליכע פאָרמע פון עהע איז געווען די מאָנאָגאַמיע. צו האַלטען קעבסווייבער אין געווען פערבאָטען ביז צו דער צייט ווען ריים איז געוואָרען אַן אימפעריע. נאָהענטע קרובים האָבען ניט געטאָרט הייראַטהען אונטער אַנאַנדער. דער חתן פלעגט אָבקויפען די כלה ביי איהרע עלטערן, און אין דער אַנוועזענהייט פון צעהן עדות פלעגט דער אָבערפריסטער מקריב זיין אַ קרבן פון פרוכט; חתן־כלה האָבען זיך געזעצט אויפ'ן זעלבען שטיק פאַרמעט, און האָבען גענעסען אַ קוכען פון רייז (Confarreatio) דאָס האָט געדיענט אַלס עמבלעם פון זייער פעראייניגונג. די פעראייניגונג איז אָבער געווען זעהר ניט קיין גלייכע, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן; נור די צערעמאָניען האָבען געדיענט צו פערהייליגען די עהע אין די אויגען פון דאָס פאָלק, וואָס האָט געקוקט דערויף ווי אויף רעליגיעזע מיסטעריען. עהעברוך האָט מען בעשטראָפט מיט פערשיעדענע שווערע שטראָפען: פון דער פרוי האָט מען אַוועקגענומען איהרע רייכטהימער און ציערונג, ניט איבערלאָזענדיג אפילו איהרע האָארנאָדעל; דאָס געזעץ האָט ערלויבט אַ בעטראָגענע פערהייראַטעטע פרוי אַוועקצונעהמען אויס ראַכע דאָס פערמעגען פון איהר נעבענבוהלערין. מאַנכעס מאָל פלעגט מען אַן עהעברעכערין פערשיקען אויף אַ אינזעל אָדער איינשפּאַרען אין אַ מאָנאַסטיר. דער בעטראָגענער צד, סיי מאַן סיי פרוי, איז געוואָרען בעפרייט פון ערפילען דעם הייראַטס־קאָנטראַקט, און האָט געמעגט הייראַטען אַן אַנדערען, וועהרענד דער בעטריגער האָט אַ געוויסע צאָהל יאָהרען אָדער זאָגאַר דעם גאַנצען לעבען ניט געטאָרט הייראַטהען נאָך אַ מאָל.

באַלד נאָך דער חתונה האָט די פרוי געקריגען די שליסעל פון הויז אַלס סימבאָל פון איהר ווירטהשאַפט. ווען זי האָט זיך געשיידט מיט איהר מאַן (וואָס שפּעטער איז דאָס געווען ערלויבט אפילו ביי די פאַטריציער) האָט זי געמוזט אָבגעבען די שליסעל צוריק. אַ פערהייראַטעטע פרוי איז ניט געווען פערשלאָסען אין

א פרויען־הויז ווי ביי די גריכען; די פרויען פלעגען עסען צוזאממען מיט די מענער און זיין אויף זייערע אונטערהאלטונגען; זיי פלעגען בעזוכט ווערען פון זייערע בעקאנטע, און גראדע ווי מען האט דעם מאן גערופען הערר, האט מען די פרוי אדרעסירט אלס הערריז.

די פלעבעאישע הייראטה האט ניט געקענט טראגען דעם כאראקטער פון וועלען אויפהאלטען דורך די פאמיליע די טראדיציעס פון די אורעלטערן אין דער געזעלשאפט, אזוי ווי עס איז געווען דער פאל ביי די פאטריציער, ווארום די פלעבעער האבען ניט געהאט קיינע היילינע טראדיציעס און קיינע זעלבסטשטענדיגע פאמיליעס צו פערעוויגען. ביי זייער הייראטה האט מען ניט בעדארפט קיינע צערעמאניעס, קיינע פריסטער און קיינע קאנטראקטען זאגאר. דערפאר ווערט די פלעבעאישע הייראט מיט רעכט אנגערופען פרייע הייראט. עס איז נור נויטיג געווען ואז חתן־כלה זאלען זיך געפעלען און זאלען איינשטימען, און די הייראטה איז געשלאסען געווארען. האבען זיי זיך איינע די אנדערע אויפגעהערט צו געפעלען, אדער האבען זיי אויסגעפונען דאס זייערע כאראקטערע שטימען ניט איין, זייגען זיי זיך פונאנדערגעגאנגען אויך אהן צערעמאניעס. אין דיזער הייראטה איז די פרוי געווען אונטערווארפען ניט צו איהר מאן, זאנדערן צו דעם פאמיליענפאטער צו וועלכען איהר אייגענע פאמיליע איז געווען צוגעשריעבען, אדער ביי וועמען זי האט זיך אויפגעהאדעוועט.

די פרויען האבען ניט געוואלט ליידען די פערהייליגונג פון דער הייראטה און די פייערליכע צערעמאניעס וועלכע האבען שטאטגעפונען ביי דער חאכצייט. זיי האבען פערלאנגט צו בלייבען ביי זייער אייגענעם נאמען און ביי דעם רעכט אויף זייער פערמעגען. און זיי האבען טאקי אויסגעפיהרט, אז דאס לאנד וואס זיי האבען בעזעסען זאל ניט אוועקגענומען ווערען פון זיי; אז דער מאן זאל ניט האבען דאס רעכט צו פער׳משכנ׳ען זיין ווייב׳ס פערמעגען

און האָבען אויך געקריגען פּיעלע אַנדערע רעכטע אין דעם הייראַטה'ס־קאָנטראַקט.

פּיעלע פּאַטריציער, איינזעהענדיג דעם מענשליכערען כאַראַק־טער פון דער פּלעבעאישער הייראַטה, האָבען געשלאָסען צווישען זיך — ווי אויך מיט פּלעבעער — פּרייע, פּלעבעאישע הייראַטהען. די פּלעבעער, פון דער אַנדער זייט, האָבען געשטרעבט צו קריגען איבער זייערע פרויען די זעלבע רעכטע וואָס אַ פּאַטרי־צישע הייראַטה האָט געגעבען די פּאַטריציער. דער קאַמפּף איז אָנגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט, און דער זיעג איז געווען אַ מאָל אויף איין זייט און אַ מאָל אויף דער אַנדערער.

אַרום דעם 2טען יאהרהונדערט בעפאָר קריסטוס האָבען די פרויען שטאַרק געקעמפּפט צו געניסען וועלכע־עס־איז פּאָליטישע רעכטע אין דער פּרייער רוימישער רעפּובליק. קודם כל האָבען זיי געקעמפּפט געגען שקלאַפּעריי אין דער עהע. זיי האָבען אויס־געפיהרט אז ווען דער מאַן און די פרוי שטימען איין צו גט'ן זיך, זאָלען זיי דאָס געזעצליך מעגען טאָן. דער נדן פון דער פרוי איז געוואָרען זייערעביידענס געמיינשאַפטליכער פערמעגען, און דער מאַן האָט מעהר קיין רעכט ניט געהאַט צו פער'משכנ'ען אָדער פערקויפען עס אָהן דער איינשטימונג פון דער פרוי. שפּעטער האָט דער מאַן געמוזט גאַראַנטירען דער פרוי איהר נדן דורך אַ געגענגעזעצטע גלייכע סומע נדן פון זיין זייט. איהר פערמעגען איז איבערגעגאַנגען נאָך איהר טויט צו איהרע יורשים. אזוי ווי עס פיהרט זיך צווישען צוויי גלייכע מענשען, האָט דער מאַן געקענט לייהען געלד ביי זיין פרוי, געבען איהר אַ וועקסעל, פער'משכנ'ען ביי איהר זיינע גיטער, א. ד. גל.

די פרויען האָבען מיט דער צייט געקריגען אַ וויכטיגען איינ־פלוס אויף די רוימישע געזעצע, ווי דאָס איז צו זעהן פון דעם פאָלגענדען פאַקט:

אין דער צייט פון דעם פונישען קריעג, ווען די רוימער האָבען געליטען גרוים נויט, האָט מען פערבאָטען די פרויען צו טראָגען פּורפּור־קליידער און צו פאָהרען אין עקיפּאַזשען. ווען דער קריעג

האָט זיך געענדיגט, און די רעפּובליק האָט ווידער אויפגעבליהט, איז פערהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע, צי מען זאָלען די פרויען צוריק געשטאַטען דאָס רעכט צו טראָגען פורפור א. ד. גל. דאַן האָבען זיך די פרויען פערזאַמעלט ביי'ן פאָרום אין גרויסע מאַסען און האָבען בעאיינפלוסט די טריבונען אז זיי זאָלען שטימען צו זייער גונסטען. דאַן האָט דאָס דער קאָנסול קאַטאָ אין זיין צאָרני־גער רעדע געגען די פרויען אויסגעשריען: „אַלע מענשען הערשען איבער זייערע פרויען, מיר הערשען איבער אַלע מענשען, און איבער אונז הערשען אונזערע פרויען!"

קאַטאָ האָט געאַרבייט מיט אַלע כחות געגען די בעפרייאונג פון די פרויען, אבער אָהן ערפאָלג. אזוי האָט ער, צום ביישפּיעל, שטאַרק פערטהיידיגט דאָס געזעץ פון וואָקאָניום, וועלכער האָט פערבאָטען אַ פרוי צו ערבען איהרע עלטערן, אָדער קריגען בירושה מעהר ווי הונדערט טויזענד סעסטערצעס (בערך 4000 דאָלאַר). דער צוועק פון דעם געזעץ איז געווען — דאָס פאַמיליען־איינענטהום זאָל ניט צוברעקעלט ווערען, און הויפּזעכליך דאָס די פרויען זאָלען ניט קענען קריגען גרויסע פערמעגענס, און דאַדורך אונאבהענגיגקייט. פון דעסטוועגען ווען איינער האָט געוואָלט איבערלאָזען אַ גרויסע ירושה צו אַ טאָכטער, צו אַ קרובה אָדער צו אַ פריינדין האָט ער דאָס געטהאָן אויף אַ זייטיגען וועג: ער האָט איבערגעלאָזען דאָס פערמעגען צו אַן אָנגעזעהענעם בירגער און האָט איהם געבעטען ער זאָל דאָס איבערגעבען וועמען עס געהערט. קאַטאָ צייגט אָן אין זיין רעדע ווי די פרויען געברויכען זייער רייכטהום און אונאבהענגיגקייט אויף צו האַלטען זייערע מענער אין צאַם, און ער טענה'ט דאָס ביי די אַלטע רוימער פלעגט דער מאַן זיין דער הער און דער ריכטער פון זיין פרוי, און פלעגט זי קענען שטראָפען און טוידטען, איבערהויפּט אויב ער האָט אויסגע־פונען אז זי איז איהם ניט טריי, וועהרענד ווען זי זאָל זיך איבער־צייגען אז ער איז איהר פאלש, קען זי איהם אפילו מיט אַ פינגער ניט אָנריהרען. „אזוי דאַרף עס טאַקי זיין!" שרייט קאַטאָ אוים מיט גרויס ענטריסטונג. ער האָט אָבער גאָר ניט אויסגעפיהרט.

די פרויען האבען זיך ערוואָרבען דאָס רעכט צו קריגען ירושה, און דאדורך א גוטע שטיצע אין זייער אונאבהענגיגקייט. זיי האבען געקראָגען דאָס רעכט צו געברויכען זייער פערמעגען נאָך זייער אייגענעם ווילען און פערשטאנד, און האבען זיך אלס מעהר און מעהר בעפרייט פון דער טיראניי פון די מענער.

מיט דער ענטוויקלונג פון פרייע הייראטהס-קאָנטראקטען איז אויך אָבגעשאפט געוואָרען די אָפּעקונסטוואָ (פאָרמונדשאפט) וועלכע האט אימער געדריקט די פרוי. די רוימישע יוריספרודענץ האט ענדליך אנערקענט אז עס איז ניט נויטיג פאר דער פרוי צו זיין איהר גאנצען לעבען־לאַנג אונטער וועמעס עס איז רשות, און האט בעשטעטיגט די גלייכהייט פוןביידע געשלעכטער. די רוימערין פון שפעטערע צייטען האט גלייכע רעכטע מיט'ן מאן, האט די הערשאפט איבער איהרע קינדער און אייניקלעך, קען האבען אייגענע ווירטהשאפט, שליסען קאָנטראקטען, פיהרען פראָצעסען א.ז.וו.

ווען די פרויען האבען זיך ערוואָרבען דאָס רעכט צו פער־וואלטען זייערע אייגענע פערמעגענס, האבען פיעלע רייכע רוימער־רינען געהאלטען אויפזעהערס, עקאָנאָמען, א. ד. גל. הונדערטע שקלאפען זיינען געשטאנען פערטיג צו פאלגען דעם וואונק פון זייער הערין, וועלכע האט זיך מייסטענטהיילס בעשעפטיגט מיט גריכישע ליטעראטור, מוזיק, פוטץ און ליעבהאבערס. די פרויען גראדע ווי די מענער האבען זיך געבאָדען אין לוקסוס, וועלכען זייערע אונטערדריקטע שקלאפען האבען זיי געשאפען; זיי האבען זיך געיאָגט נאָך פערגעניגען, און עס האט זיי ניט אויסגעמאכט וויפיעל מענשליכע אָפּפער דאָס האט געמעגט קאָסטען. — דאָס האט פיעל בייגעטראָגען צו דעם אונטערגאַנג פון רוים.

ווען די רוימער האבען אָנגעפאנגען איבערצונעהמען די גריכיעשע קולטור, האבען זיך אויך די פרויען שטארק בעטהיי־ליגט דארין. זיי האבען פון זיך אראָבגעוואָרפען די בעשרענקונגען פון הויז, מאראל און רעליגיאָן, און האבען געבילדעט גייסטרייכע פרויען-קרייזען, וועלכע זיינען געווען דער מיטעלפונקט פון דעם „העכערען" לעבען אין רוים. די פרויען זיינען ערשיענען אין די

סאַלונען פון די מענער און זיינען אויפגענומען געוואָרען מיט אנ־ערקענונג און רעספעקט. די רוימערינען האָבען גוט געקענט די גריכישע ליטעראַטור; זיי האָבען געלערענט יוריספרודענץ און וויסענשאַפטען, און זייער גייסטיגע ענטוויקלונג איז געשטאַנען אויף דער זעלבער שטופע ווי די ענטוויקלונג פון די מענער פון זייער צייט. זיי זיינען געווען טהעטיג אין דער מעדיצין, און צווישען זיי האָבען זיך געפונען פיעלע דאָקטאָרען און אַקושערקעס. ווען פאַר'ן געריכט פלעגט פאָרקומען צו אורטהיילען אויב אַ פרוי איז שוואַנגער אָדער ניט, פלעגען פינף געשוואָרענע פרויען־דאָקטאָ־רען (Medical Juratae) זי מוזען אונטערזוכען און זאָגען זייער מיינונג. דאָס צייגט אַז פרויען־דאָקטאָרען זיינען געווען אנ־ערקענט פון געזעץ.

שקלאַפעריי און אנדערע געזעלשאַפטליכע אָרדנונגען אָדער אונאָרדנונגען האָבען אַבגעהאַלטען די פרוי פון צו ווערען אַן עמאַנציפירטער מענש, און זי איז געוואָרען ניט מעהר ווי אַן עמאַנציפירטע פריצ'טע און שקלאַפען־הערשערין, וועלכע איז געווען אַזוי לאַסטערהאַפט און האַרטהערציג ווי דער מאַן. אין לוקסוס און שווענדעריי איז די רוימערין אויך ניט אָבגעשטאַנען פון איהר מאַן. אפילו טוגענדהאַפטע פרויען פלעגען ניט אַרויסגעהן פון הויז אָהן אַ רייכען אַנצוג און בריליאַנטען. די טואַלעטען־קונסט איז געווען שטאַרק ענטוויקעלט, און פיעלע גרויסאַרטיגע דאַמען פלעגען זיך בעשעפטיגען אַ גאַנצען פריהמאָרגען, מיט דער הילפע פון עטליכע דיענסטען, מיט מאַכען זייער טואַלעט. לוקסוס, פוטץ, קאָקעטעריי, זיינען געווען שטאַרק ענטוויקעלט און זעהר אין דער מאָדע. דאָס אַלעס האָט געדיענט אַלס מיטעל אַנצוציהען פער־עהרער, און בעפרייען זיך פון געשלעכטליכע אונטערוואָרפענהייט.

אין דער פּאָליטישער וועלט האָט זיך די פרוי אויך געמישט, און האָט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אין די קלובס און אין פאָרום, און פיעלע איינצעלנע רוימערינען האָבען געלעבט אַ פולען רייכען גייסטיגען לעבען.

די פרייהייט פון די רוימערינס ווי פון די רוימער האָט אָבער

קיין קיום ניט געהאט, ווייל זי האָט בעאַנשפּרוכט די פערשקלאַפונג פון אַנדערע. אין זייער שטרעבונג צו געגוס און פרייהייט האָבען זיי איגנאָרירט דעם וויכטיגסטען פונקט — דאָס רעכט פון י ע ד ע ן מענשען אויף גענוס און פרייהייט, — און די גלענצענדע רוימישע רעפּובליק איז אונטערגעגאַנגען.

.5

די פרוי אין מיטעל־אלטער.

לערנענדיג די לאגע פון דער פרוי אין מיטעל־אלטער, דארף מען נעהמען אין אנבעטראכט דעם איינפלוס פון קריסטענטהום און פון די פעאדאלע ארדנונג. פיעלע מליצים פון קריסטענטהום האל־מען, דאס ער, דער קריסטענטהום, האט געהאלפען צו שטעלען די פרוי אויף א העכערע שטופע ווי זי איז געשטאנען אין היידנישען רוים און גריכענלאנד און אין דער היידנישער וועלט אים אלגעמיין. דער קריסטענטהום, זאגען זיי, האט געמאכט די פרוי פאר א גלייכע פערזאן מיט'ן מאן: ער האט פון זיי ביידען געפאדערט גלייכע פליכטע; אין דער זעלבער קירכע האבען זיי ביידע געבעטען צום זעלבען גאט; די קריסטליכע הייראט ווערט געהאלטען פאר א הייליגע מיסטעריע אין וועלכע גאט און דער היילינער גייסט נעהמען אנטהייל; אויסגעלאסענהייט ווערט גלייך בעשטראפט אין ביידע געשלעכטער; די פרוי טהיילט מיט איהר מאן די זעליגקייט פון גן־עדן; אויף זיי ביידען ליגט גלייך די פליכט צו ערציהען די קינדער אין גאטס פארכטיגקייט, און ז. וו.

דער אמת איז אבער, דאס דער קריסטענטהום האט נור אויף אזוי פיעל פערבעסערט די לאגע פון דער פרוי, אויף וויפיעל ער האט געלערענט הומאניטערע אידעען אים אלגעמיין. די תלמידים און נאכפאלגער פון קריסטוס האבען אבער אזוי גע'פשטעלט און גע־דרש'ט די לעהרע פון די לענענדערע פערזאן, דאס זי האט גע־ווירקט צו ערניעדריגען די פרוי און פעראכטען זי אלס קוועלע פון

*

אַלעם שלעכטעם און אונריינעס. די שרייבער און פעטער פון דער קירכע האָבען אימער געשטעלט די פרוי ניעדריגער פון דעם מאַן. אויף א פערזאמלונג פון עפּיסקאָפּען (אין יאָהר 585) האָט איינער פון זיי זאָגאר געוואָלט בעווייזען, אז די פרוי געהערט גאָר ניט צום מענשליכען געשלעכט. די קירכע האָט איהר קיין מאָל ניט מוחל געווען די זינד פון אונזער מוטער חוה. אין דער עהע, האָט די קירכע געלערענט, דארף די פרוי זיין אונטערטהעניג דעם מאַן און מוז מורא האָבען פאַר איהם: ער איז דער הויפּט פון׳ם הויז. נאָך ביז היינט שווערט די קריסטין אין איהר הייראַטס־שבועה צו ג ע ה אָ ר כ ע ן דעם מאַן. דער פרוי איז געווען פערבאָטען צו זיין אַ לעהרערין פאַר מענער, „ווייל אדם איז בעשאַפען געוואָרען פריהער פון חוה׳ן" (!) אויף דער 4טער קאַרטאַגענער פערזאמלונג פון קריסטליכע געלעהרטע, האָבען זיי פאָרמעל בעשלאָסען, דאָס אַ פרוי טאָר ניט זיין אַ לעהרערין פאר מענער, אפילו ווען זי איז אַ געלעהרענטע און אַ הייליגע.

שפּעטער, אין פינסטערען מיטעל־אַלטער, האָט דאָס טייפלישע קריסטענקינד, דער קאַטאָליציזמוס, מיט זיין אונגעהייערע מאַכט און מיט זיין דעמאָנישע געוואַלט אונטערדריקט און אונטעריאָכט די פרוי אויפ׳ן שרעקליכסטען אופן. ער האָט אויסגעמעקט יעדען שפּור פון אַ פרייען געדאַנק, און האָט אויסגעלאָשען יעדען שטראַהל פון פערשטאַנד, און אין דעם מוטנעם וואַסער פון אבערגלויבען, האָט ער לייכט געפאַנגען קורצזיכטיגע מוחות, פרומע נשמות און נאַרישע ווייבער.

די אייראָפּעער האָבען אימער געהאַלטען די הייראַט פאַר א ב י ר ג ע ר ל י כ ע ן קאָנטראַקט, וואָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט גאָט און מיט זיין געבאָט, און ביז׳ן סאַמע 16טען יאָהרהונדערט האָבען די העכערע קלאַסען ווי אויך דאָס געמיינע פאָלק, אויסגעמיידעט קירכען־עהען. די גייסטליכע האָט זיך דאָס ניט געלוינט און זיי האָבען שטאַרק געקעמפּפט דאַגעגען. זיי האָבען מחרים געווען יעדען וואָס האָט געהייראַט אויסער דער קירכע; זיי האָבען ערקלעהרט די קינדער פון אזא הייראַט פאַר אונגעזעצליכע; זיי האָ־

בען געארבייט מיט אלערליי מיטלען ביז זיי האבען אויסגעפיהרט זייערס, און אייראפא האט אנערקענט פאר נויטיג אז די קירכע זאל סאנקציאנירען יעדע הייראט. דורך געלד־שטראף און זאגאר דורך קערפערליכע שטראף האט מען געצוואונגען דאס יונגע פאאר פאלק צו געהן אין די קירכע בעטען א ברכה. דאן האט די קירכע איינגעפיהרט די אונצוטרענבארקייט פון דער עהע. די גייסטליכע האבען פערשאלטען די יעניגע וואס האבען ניט געגלויבט אז די עהע איז איינע פון די זיבען היליגע מיסטעריען, און זיי האבען גע־טענה׳ט, אז דאס וואס גאט האט פעראייניגט טאר א מענש ניט צושיידען.

די געזעצליכע שטעלונג פון דער פרוי אין מיטעלאלטער האט זיך אלזא ענטוויקעלט אונטער דעם איינפלוס פון קאמפף צווישען רוימיש־גערמאנישען און קריסטליך־גייסטליכען רעכט. ביי די באר־בארען איז די פרוי געווען אונטער פערשיעדענע פארמען פון אפע־קונסטווא, — זי איז געווען דעם פאטערס, ביז דער חתן האט ביי איהם אבגעקויפט דעם רשות אויף איהר. אין דעם געזעץ־קאדעקס פון מיטעל־אלטער זיינען געווען פערמישט די רוימישע און בארבא־רישע פרינציפען: אונפערהייראטעטע פרויען האבען אין מאנכע פלעצער אונטער דער ווירקונג פון רוימישע יוריספרודענץ געהאט בעדייטענדע פרייהייט, — פערהייראטעטע פרויען זיינען, נאך דעם מנהג פון די בארבארען געווען אונטערוואורפען דער הערשאפט פון דעם מאן, און האבען ביינאהע קיינע רעכטע ניט געהאט. די גע־זעצע פון דער קירכע האבען געהאלפען צו מאכען די פרוי רעכט־לאז געגענאיבער דעם מאן, און דארום איז די לאגע פון דער פרוי געווען אם שלימסטען אין יענע לענדער וואו די עהע־רעכטע האבען זיך ענטוויקעלט אם מייסטען אונטער דעם איינפלוס פון דער קירכע, אזוי ווי צ. ב. ש., אין ענגלאנד. די קירכענגעזעצע האבען מיט אלע מעגליכקייט געהאלפען דעם פעאדאל צו טיראניזירען זיין פרוי. זיי האבען די טיראניי סיסטעמאטיזירט און פערהייליגט. דער קאטאליציזמוס האט געפרעדיגט אז די פרוי מוז ניט נור זיין אונטערוואורפען דעם מאן, — זי מוז זיין דיענסט. „די קא־

טאָלישע פרוי", זאָגט לאַראַן, „איז אַ געהעכטסלאָזע פּערזאָן, אויף איהר הייגגט די קללה פון חוה'ן. אונטער דעם איינפלוס פון דיזער אנשויאונג איז די לאגע פון דער פרוי אין מיטעל־אלטער נאָך ער־גער אלס אין דער בארבארישער עפּאָכע".

אמת, דער קאטאליציזמוס האט זיך פיעל געזארגט וועגען אלמנות און יתומים, אָבער דאָס איז אויך ניט געווען אָהן אַ פּניה: זייער פערמעגען איז איבערגעגאנגען צו דער קירכע דורך צוואות און דורך מתנות אָפטער ווי דאָס פערמעגען פון פאמיליען־פרויען. די אונגוויסענדע, אונענטוויקעלטע פרויען זיינען געווען אין גאנצען אין די הענד פון די גייסטליכע. זיי האָבען געוואלט אויסקויפען דעם שרעקליך אויסגעלאָסענעם לעבען פון זייערע מענער און פון זייערע זיהן דורך געשענקע צו דער קירכע. די גייסטליכע האָבען זיי נאַ־טירליך געשטיצט אין זייער נייגונג און האָבען אזעלכע גאָטס־בהמה'לעך צוגעזאָגט אלע גליקען אויף יענער וועלט.

דער קאטאָליזיציזמוס האט אויך געלערענט פון דער אנדער זייט, דאָס דער געשלעכטס־טריעב איז אַן אונריינע זאך, און צו בע־פרידיגען איהם איז די גרעסטע זינד. דערפאר האָט ער געפּרעדיגט מען זאָל ווי ווייט מעגליך אויסמיידען יעדען פערקעהר מיט פרויען, וועלכע זיינען נאָך דער מיינונג פון דעם הייליגען אנטאָניוס „דער קאָפּ פון זינד, די האנד פון טייפעל, און זייער שטימע איז דאָס שיפען פון אַ שלאנג". פיעלע אנדערע הייליגע האָבען כאראקטערי־זירט די פרוי אלס די טויערען פון טייפעל, די נעסט פון זינד, די אורזאכע פון אל־דאָס־בייז, און נאָך מיט אנדערע ערהאבענע נעמען.

דער קאטאָליציזמוס האט געוואלט אוועקרייסען די פרוי פון דער פאמיליע, בכדי זי זאָל בעסער קענען דיענען דער קירכע, און מען האט זי איינגערעדט זי זאָל זיך ענטזאגען פון אלע וועלטליכע פערגעניגענס און ווערען אַ נאָנע, — אַ כלה פון קריסטוס. פאר די מאָנאַכען, וועלכע האָבען פּרעטענדירט צו זיין די דיענער אָדער זאגאר פּאָרשטעהער פון קריסטוס, האט זיך געלוינט ער זאָל האָבען וואָס מעהר כלות, איבערהויפּט וויל זיי זעלבסט האָבען ניט גע־טאָרט הייראטען... די קלויסטערס פון יענער צייט זיינען אָפט ווירק־

ליך פערוואנדעלט געווארען אין עפענטליכע הייזער, די איינקונפט פון וועלכע איז געגאנגען פאר דער קירכע.

און ניט גענוג וואס דער קאטאליציזמוס האט ערניעדריגט די פרוי געזעלשאפטליך דורך דעם וואס ער האט זי ערקלערט פאר א קוואל פון אלע שמוץ; ניט גענוג וואס ער האט געהאלפען צו פער־שקלאפען זי געזעצליך און צו פערפינסטערן איהר גייסט דורך פאלשע לעהרען—האט ער נאך פערגאסען פרויען־בלוט טייכעטווייז אין די פראצעסען פון די מכשפות. ווען א פרוי האט אין וועלכען עס איז וועג ארויסגעבראכט אויף זיך דעם צארן פון א גייסטליכען, אדער עס האט זיך פאר איהם פאר וואס עס איז געלוינט אבצוראמען זי פון וועג, האט ער נאר געדארפט ארויסלאזען א קלאנג, אז זי איז א מכשפה. אויף דעם קלענסטען חשד האט מען איהר אנגעטהאן די גרעסטע יסורים אום זי זאל זיך מודה זיין, און מען האט זי פאר־ברענט אפילו ווען מען האט קיין בעווייז ניט געהאט געגען איהר. און די בעשולדיגונגען זיינען געווען אזוי נאריש און לעכערליך, און די משפטים און שטראפען זיינען געווען אזוי שוידערהאפט, דאס עס גרוילט אזש צו לעזען וועגען דעם.

אזוי האט די קירכע געזויגט פון די פרויען זייער גוט און זייער בלוט; און נאך געפינען זיך מענשען, וועלכע בעהויפטען, דאס די קריסטליכע רעליגיאן האט פערבעסערט די לאגע פון דער פרוי.

* * *

דער פעאדאליזמוס קען געגליכען ווערען צו א סיסטעמע פון אבגעזונדערטע בנינים, וואס האבען צוזאמען צונויף געשטעלט א גרויסע געזעלשאפטס־געביידע. דערפאר געפינען מיר אונטער איהם א גרויסע פערשיעדענארטיגקייט פון כאראקטערע. פון איין זייט זעהען מיר געזונדע, פראסטע נאטורען וואס פיהרען איין איינ־פאכען, גראבען לעבען, וועלכער איז אזוי שטארק פערשיעדען פון אונזער לעבען, דאס אונז איז זעהר שווער צו אורטיילען ריכטיג וועגען איהם און מיר בעוואונדערען די געזונדהייט און איינפאכקייט

פון יענע נאטורען. פון דער צווייטער זייט זעהען מיר ברוטאלע, אונוויסענדע, אויסגעלאסענע מענשען, וואס זיינען אליין קנעכט און פערשקלאפען אנדערע, און מירקריגען א טרויעריגען איינדרוק פון די גאנצע פעאדאלע ארדנונג. אין דער נאמינעלער אבהענגיגקייט און אונטערטעניגקייט אין וועלכע יעדע קלאסע איז געשטאנען צו דער נעכסטער העכערער פון איהר ליעגט די ערקלערונג פון דעם ווידערשפרוך פון הער פרייהייט און שקלאפעריי פון יענער צייט. דעם ווידערשפרוך איז אויך צו בעמערקען אין דער לאגע פון דער פרוי. אונטערן פעאדאליזמוס; פון איין זייט זעהען מיר זי פערשקלאפט אין דער פאמיליע, רעכטלאז פאר'ן געזעץ, אהנע וועלכע עס איז שטעלע אין דער געזעלשאפט, אויסער וואס זי האט זיך געקענט ערווערבען דורך אינטריגעס; — פון דער אנדער זייט איז זי פערגעטערט פון די עדעלע ריטער, פערעהרט פון טראבאדורען, בעזונגען פון פאעטען און געהויבען ביז'ן הימעל. דאס אלעס איז געוועןדער רעזולטאט פון דעם דאפעלטען כאראקטער פון פרייהייט און אבהענגיגקייט וועלכען דער פעאדאליזמוס האט געטראגען.

יעדער פעאדאל איז געווען, אדער האט געשטרעבט צו זיין, איין אונאבהענגיגער דעספאט אין דעם שטיק לאנד וואס האט געהערט צו איהם, און אן אבסאלוטער הערשער אין זיין פאמיליע; אבער זיין פאטער־מאכט איז ניט איבעראל געווען א פעסטגעשטעלטע רעכט, אזוי ווי עס איז געווען אין רוים. אין די לענדער, וועלכע זיינען ניט געווען אונטערוואָרפען צו דער יוריספרודענץ פון רוים, האט די אייזערנע Patria Potestas (פאטער־מאכט) ניט עקזיסטירט. אזוי האט צ. ב. ש. די פאטריא־פאטעסטאס ניט געהאט קיין פלאץ אין פראנקרייך. ביי די גערמאנער פלעגט דער פאטער, און נאך זיין טויט, די מ ו ט ע ר, האבען דאס רעכט בלויז פון Mundium (אפעקונסטווא) איבער דעם לעבען און פערמעגען פון די קינדער. דער זוהן האט זיך בעפרייט פון די עלטערענס רשות ווען ער האט געהייראט, און די אפעקונסטווא איבער דער טאכטער פלעגט אריבערגעהן צו איהר מאן. על פי דין האט אלזא דער פאטער אונטער דעם פעאדאליזמוס ניט געהאט אזוי פיעל

מאכט איבער זיינע קינדער ווי אין רוים; אָבער ווער האָט דאָס גע־ קוקט אויפ׳ן געזעץ? דער פעאָדאל האָט געהאַלטען זיין פאמיליע אין אייזערנע צוואַנגען און האָט דעספּאָטיזירט זיין פרוי און קינ־ דער נאָך מעהר ווי די רוימישע טאַטעס. ער האָט געמוזט האָבען אַ שטאַרקע מאַכט אום צו פערטהיידיגען זיין לעבען, זיינע רייכטהי־ מער און זיין פרייהייט, וועלכע זיינען געווען בעגרינדעט אויף דער פערשקלאַפונג פון דעם פאָלק. זיינע אינטערעסען האָבען דאַרום געפאָדערט, דאָס די פאַמיליע זאָל זיך האַלטען צוזאַמען, כדי זיין נאָמען און גרויסקייט און זיין רייכטהום זאָלען האָבען אויף וואָס זיך צו שטיצען, און זאָלען זיך קענען אויפהאַלטען זאָגאַר נאָך זיין טויט. נון האָט געמוזט פאָרקומען איין ענדערונג אין דער פאָרמע פון פערערבונג. ביי די גערמאַנער פלעגט די ירושה איבערגעהן גלייך צו אַלע קינדער, סיי זיהן, סיי טעכטער. פאר די פעאָדאַלע אָרדנונג אָבער האָט דאָס ניט געטויגט, און מיט דער הילפע פון דער קירכע, האָט מען די פרוי אויסגעשלאָסען פון דער ירושה. אויב אַ טאָכטער האָט געקראָגען אַ ירושה, האָט מען זי באַלד געזוכט צו פערהייראטען, און די נדן וואָס מען האָט איהר געגעבען — ווי קליין די סומע האָט זיך געקענט זיין, — האָט זיך גערעכענט פאר איהר טהייל פון דער ירושה, און אין איהר הייראַטס־קאָנטראַקט איז זי געווען געצוואונגען צו ענטזאַגען זיך פון דעם חלק ירושה וואָס איהר האָט געקומט. קאַרל דער נײנטער פון פראנקרייך האָט זאָגאַר פער־ באָטען, אז אַ מוטער זאָל ירש׳נען איהרע אייגענע קינדער אויב זיי שטאַרבען בעפאָר איהר. הערצו האָט מען נאָך איינגעפיהרט, אז דער עלטסטער זוהן, דער בכור, זאָל זיין דער יורש און דער קאָפּף פון דער פאַמיליע נאָך דעם פאָטער׳ס טויט. די איבּגערע ברידער, און איבערהויפּט די שוועסטער, האָבען זעהר געליטען פון דעם איינ־ פיהר. דער בכור פלעגט זיי אונטערדריקען און זאָגאַר פערקויפען, און קיינער האָט ניט געסמייעט זאָגען אַ וואָרט.

אונטער אַזאַ אָרדנונג, האָט די פרוי, פערשטעהט זיך, זעהר געליטען פון פאַמיליען דעספּאָטיזמוס, און פון קאַטאָלישע איינ־ טריגעס. אין די קריעג, וועלכע פלעגען פאָרקומען צווישען די פעאָ־

אָדאַלען, פלעגען די זיגער פיעל מאָל אָב'גנב'ענען אָדער אוועק־רויבען יונגע פרויען און הייראַטען זיי. די פרויען זעלבסט פלעגען אָפטמאָל איינוויליגען אוועקגע'גנב'עט צו ווערען, כדי פטור צו ווער־רען פון דער שקלאַפעריי פון דער היים. דאָס געזעץ און די קירכע האָבען שטרענג פערפאָלגט אַזעלכע מאַנעווּרען, און דעם פרויען־רויבער ווי אויך די גערויבטע, האָט מען זעהר שווער בעשטראָפט, אַ מאָל זאָגאָר מיט'ן טויט.

דער פעאָדאַליזמוס האָט פערניכטעט די פרייע הייראַט פון די האַלב ווילדע גערמאַנער, און האָט בענוצט די הייראַט אלס מיטעל צו געוויסע פאַמיליען־צוועקען. אַ הייראַט איז געווען אַ קאָנטראַקט, דורך וועלכען עס האָט זיך פערשטאַרקט די פריינדשאַפט אָדער דער בונד צווישען די סעניארען. דער באַראָן פלעגט פערקויפען זיין טאָכטער אום צו ווערען א מחותן מיט אַ מעכטיגען פעאָדאַל, אָדער אום צו קריגען איין איינפלוסרייכען איידעם. (ליידער, ווערען אַזעלכע שידוכים געטהאָן זעהר אָפט אויך היינטיגען טאָג ביי אלע פעלקער און אין אַלע קלאַסען.) די טאָכטער פון אַ וואַססאַל איז אויסער איהר פאָטער'ס ווילען נאָך געווען אונטערוואָרפען אויך צום ווילען פון סוזערען, וועלכער איז געשטאַנען איבער'ן וואַססאַל און האָט געוועלטיגט איבער איהם און דאָס זייניגע. דאָס פאָר־פאָלק האָט געמוזט געהערען צום זעלבען שטאַנד; א שידוך צווישען ניט גלייכע מיוחסים, און איבערהויפט צווישען איין עדעל־מאַן און א פראָסטען בּשר ודם איז געווען ניט נור אַ שאַנדע, זאָנ־דערן אויך א פערברעכען, וועלכען מען האָט זעהר שווער בע־שטראָפט. פון דער כלה האָט מען געפאָדערט זי זאָל קומען צו דער חופּה א ריינע אונשולדיגע יונגפרוי, וועהרענד די אויסגעלאַ־סענהייט פון די מענער איז געווען אונבעשרענקט. ווען אויף אַ פרוי איז געפאַלען דער קלענסטער חשד, האָט מען פערזאמעלט אַ געהיימען פאַמיליען־ראַט, אַ סאָרט הויז־אינקוויזיציע, און מען האָט זי גע'משפט, און גאַנץ אָפט האָט מען זי פער'משפט צום טויט. וואָס דאַן איז געווען דער אידעאַל פון אַ פרוי, קען מען זעהען פון אַזעל־כע ביכער ווי אין רוסלאַנד דיר „דאָמאָסטראָי“ און אין פראַנקרייך

„מענאזשיע דע פאריז“. פון דער רייכער, גראדע אזוי ווי פון דער ארעמער פרוי, האט מען געפאדערט זי זאל קענען שפינען, וועבען, נעהען, צוגרייטען שפייז, קאכען און אויפזעהן די ווירטהשאפט. און די פרויען זיינען געוועהנליכערווייזע נאכגעקומען די פאדערונגען. ווייטער האט א פרוי געדארפט געבערען וואס מעהר קינדער, אויפהאדעווען זיי, לערנען זיי מורא האבען פאר די עלטערן, און לערנען די טאכטער צו עהרען און געהארכען איהר מאן. די אויפפיהרונג פון דער פרוי איז געווען רעגולירט ביז אויף יעדע קלייניגקייט: איהר איז געווען פארגעשריעבען זי זאל ניט צופיעל ריידען, ניט לאכען, ניט געהן צו שנעל, ניט קוקען אן א זייט, ניט טראגען צו בונטע קליידער, א. ז. וו.

דער מאן פלעגט אפטמאל פערשפיעלען אדער פערקויפען אדער פערבייטען זיין פרוי. אין ענגלאנד איז דעם מאן געווען געזעצליך ערלויבט ארויסצופיהרען די פרוי אין מארק אויף א שטריקעל און פערקויפען זי. אין דעם העפליכען פראנקרייך האט דאס געזעץ ערלויבט דעם מאן צו שלאגען די פרוי וויפיעל ער וויל, זאלאנג אז ער האט זי ניט שטערבליך פערוואונדעט און האט איהר ניט צובראכען א האנד אדער א פוס. דער מאן האט געהאט א רעכט קערפערליך צו בעשטראפען זיין פרוי, און אזעלכע פרעדיגער ווי דער דאמאסטראי האבען גע'טנעה'ט, אז מען זאל דאס רעכט געברויכען וואס עפטער. עס פלעגט גאנץ אפט פאסירען, אז דער מאן פלעגט שלאגען די פרוי עטליכע מאל א וואך, אדער זאגאר אלע טאג, און זי פלעגט שטענדיג טראגען בלויע צייכענס אויף איהר קערפער. דער בעריהמטער ענגלישער קעניג, וויליאם דער זיעגער, האט געשלאגען זיין פרוי באלד נאך דער חתונה.

אזוי האט מען זיך דאס געפיהרט ביי די פריצים. די לייב־אייגענע האבען ווייניג וואס געוואוסט פון פאמיליען־לעבען. כדי צו פערמעהרען דעם צאהל פון זיינע שקלאפען, פלעגט דער פעאדאל צוזאמען בריינגען זיינע קנעכט מיט זיינע דיענסטען ווי מען פיהרט צונויף הויז־טהיערע. זאגאר צווישען די פרייע האט קיין שידוך ניט געקענט געשלאסען ווערען וואו דער סעניאר האט ניט געגעבען זיין

ערלויבנים. אויסער דעם האָט אין גאַנץ אייראָפּא — אין שאָטלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליען, שפּאַניען, דייטשלאַנד, נידערלאַנד און רוס־לאַנד — עקזיסטירט דאָס שענדליכע Jus Primae Noctae (דאָס רעכט אויף די ערסטע נאַכט). די לאַנד־בויערען האָבען פיעל מאָל רעוואָלטירט דאַגעגען, און האָבען שפּעטער אויסגעפיהרט, דאָס דער חתן זאָל מעגען אָבקויפען ביי דעם פּריץ דיזע שענדליכע פּריווילע־גיע פאַר א געוויסע סומע געלד.

אונטער דיזעלבע פעאָדאַלע אָרדנונג געפינען מיר די ענט־שטעהונג פון דעם ריטערטהום און דאָס שטרעבען צו פרייע ליעבע. די פּאָעטען, טראָבאַדורען און ריטער האָבען אויסגעאַרבייט א גאַנ־צען קולט, וועלכער האָט פערגעטערט די ליעבע און די פרויען. איינע פון די אויפגאַבען פון די ריטער איז געווען צו בעשיצען די פרויען. יעדער ריטער פלעגט זיך געוועהנליך אויסקלייבען א „דאַמע פון זיין הערץ“, און האָט געשוואָרען איהר צו דיענען מיט זיין גאַנ־צען לעבען. דער נאָמען פון זיין הערצענס־דאַמע האָט געהיענט דעם ריטער אַלס לאָזונג אין זיינע קעמפּפע און טורנירען, און האָט איהם אויפגעמונטערט צו העלדענטהאַטען, וועלכע ער האָט בעגאַנ־גען איהר צו עהרע; און זי פלעגט איהם בעלוינען מיט איהר ליעבע, אָדער אַ מאָל ניט מעהר ווי מיט אַ דאַנק אָדער אַ שמייכעל. די פרויען האָבען מיטגעווירקט צו פערברייטען און אויפהאַלטען דעם ריטערטהום, ווענעס מאָטטאָ איז געווען „עהרעט די פרויען“. אַ שקלאַפין צו איהר מאַן, איז די פרוי פאַר אַלע אַנדערע מענער גע־ווען אַ קעניגין און א בעפעהלערין. אין שפּאַניען, צ. ב. ש., ווען א ריטער האָט בעגעגענט א דאַמע, פלעגט ער מוזען אַרונטער פון פערד און אָנבאָטען איהר זיינע דיענסטע. א בעריהמטער טראַבאַדור, בערטראַן דע באָרק האָט זיך אויסגעדריקט דאָס עס איז אַן עהרען־געזעץ צו פיהרען קריעג אום רייך צו מאַכען די פרויען דורך קריעג־רויב. אולריך פאָן ליכטענ־שטיין, א ריטער פון 13־טען יאָהרהונדערט, האָט זיך אויסגע־קליבען פאַר זיין הערצענסדאַמע א פערהייראַטעטע אַריסטאָקראַט־קע, און האָט אָנגעהויבען צו טהאָן העלדענטהאַטען פון איהר כבוד

וועגען. ער האָט אַרומגעשניטען זיין צו דיקע ליפּ, כדי איהר זאָל זיין אנגענעהם איהם צו קוסען ווען ער וועט זיך דאָס דערדיענען. ער האָט זיך אָבגעהאַקט אַ פינגער און אַוועקגעשיקט צו איהר, אום צו צייגען איהר דאָס ער איז אַלעס פערטיג אריבערצוטראָגען פון איהר ליעבע וועגען. ער האָט געטהאָן נאָך פיעלע משוגעת'ן אום צו פערדיענען איהר ליעבע. ענדליך האָט זי איהם פערשפּראָכען. ער קומט צי פאָהרען און זיין דאמע שיקט איהם ווידער צו בעגעהן אַנדערע משוגענע העלדענטהאַטען. דער אָרימער א ו ל ר י ך פאָלגט און פאָהרט ווייטער. נאָך אַנדערע ריטער זיינען אויך געווען פערריקט ניט וויינינגער פון אולריכען; דאָס אַלעס איז אָבער געווען נור איבערטריבענע פאַנטאַזיען פון רייכע לעדיג־געהער, וועלכע האָבען מעהרסטענטהיילס פערעהרט פרעמדע פרויען דורך ווערטער און אונטערדריקט אייגענע דורך טהאַטען.

וואָס עס אַנבעלאַנגט צו בילדונג און די אינטעלעקטועלע ענטוויקלונג פון די פרויען פון מיטעל־אַלטער, מוז מען צוגעבען דאָס זיי זיינען דורכשניטליך געשטאַנען אויף אַ גלייכע שטופע מיט די מענער, אָדער נאָך פיעלייכט העכער. פיעלע פעאָדאַלען זיינען געווען גראָבע יונגען, עם־הארצים, וועהרענד זייערע פרויען און טעכטער האָבען געלעזען, געשריעבען, געצייכענט, א. ז. וו. מיידלעך זיינען ערצויגען געוואָרען אין דער היים, אָדער אין די קלויסטערס און שוהלען, וועלכע געלעהרטע דאמען האָבען אויפגעהאַלטען. די ענטוויקלונג פון אידען אין אייראָפּאַ האָט פיעל צו פערדאַנקען די געלעהרענטע פרויען פון יענער צייט, — און געלעהרענטע פרויען זיינען אפילו אויך דאַן געווען; זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער וויסענשאַפט, אויף וויפיעל זי איז געווען ענטוויקעלט צו יענער צייט. אזוי געפינען מיר אין 12טען יאהרהונדערט ס ט. ה י ל ד ע ג א ר ד ע, וועלכע האָט געגרינדעט דעם קלויסטער פון רופּערט אַם רהיין, האָט געשריעבען אַ בעריהמטען בוך "De Phisica" איבער נאַטורוויסענשאַפט, אין וועלכען עס זיינען דאָ פיעלע איהרע אָריגינעלע פאָרשונגען איבער די נאַטור. איינער אַ שרייבער האָט זיך דאָ ניט לאַנג אויסגעדריקט: „דער נאַטורפאָרשער געפינט אין ה י ל ד ע

גארדעס שריפטען די קערנער פון פיעלע היינטיגע ענטדעקונגען.” צווישען די גרויסע יוריסטען פון באלאנא אין 14־טען יאהרהונדערט ווערען גערעכענט צוויי טעכטער פון פראפעסאר ד'אנדרעא. זיי האבען געהאלטען לעקציעס אין אוניווערזיטעט איבער יוריספרודענץ און פילאזאפיע. טעאדארא דאנטי און לעאנארא סאנוויטאלי האבען זיך אויסגעצייכענט צווישען די בעסטע מאטעמאטיקער און פיזיקער פון 14־טען יאהרהונדערט. אלימפא מאראטי איז געווען א פראפעסארין פון גריכישע ליטעראטור אין אוניווערזיטעט פון היידעלבערג. לארא בארא מעא איז געווען פראפעסארין פון קלאסישע ליטעראטור אין אוניווערזיטעט פון פאדוא. דאראטעא בוקקי (געבארען אין 1400) איז געווען פראפעסארין פון מעדיצין אין באלאנא. איבערהויפט האט מען דאן גערעכענט מעדיצין פאר א ספעציאליטעט פון פרויען, און עמפירישע פרויען־דאקטארען, וועלכע האבען קורירט מיט קרייטיכער און האבען געפלעגט קראנקע, האט מען בעגעגענט גאנץ אפט אונטער אלע נאציאנען פון יענער צייט. ווען מען האט אנגעפאנגען צו לערנען מעדיצין אין די אוניווערזיטעטען, האבען די פרויען זיך שטארק גענומען דערצו און האבען שטודירט מיט גרויס חשק.

מיר ווייסען ניט וואס יענע פרויען האבען דורכגעליטען, ביז זיי האבען געגרייכט די ערהאבענע שטופע, אויף וועלכע זיי זיינען געשטאנען; נור מיר קענען זיך לייכט פארשטעלען, אז זייער וועג איז ניט געווען אויסגעשפרייט מיט סאמעט. וויפיעל שווערע שטיינער זיינען געלעגען אין זייער וועג, און וויפיעל דערנער האבען זיי זייערע פיס צושטאכען! מיר קענען דאס זאגען מיט זיכערהייט, ווארום פאראורטהיילע זיינען טיעף איינגעווארצעלט ביים מענשען אין מח, און ווען מען קוקט זיך צו גענוי, זעהט מען שטיקער מיטעל־אלטער אין דער סאמע נייעסטער צייט, איבערהויפט ווען עס האנדעלט זיך וועגען דער פרויענפראגע. דא האט נאך דער 20טער יאהרהונדערט א היבשע ביסעל שימעל אבצושייערן פון פאר טויזענד יאהרען.

.6

די פרוי אין דער נייער צייט.

ווען מיר קומען נעהנטער צו אונזער אייגענער צייט, צום 17־טען, 18־טען, און איבערהויפּט צום 19־טען יאהרהונדערט, זעהען מיר, דאָס אָבוואָהל אין אייניגע הינזיכטען איז די לאַגע פון דער פרוי ניט פיעל אנדערש ווי אין די „גוטע (?) אַלטע צייטען“, האָט זיך איהר לאַגע דאָך בעדייטענד פערבעסערט אין פיעלע אנדערע הינזיכטען. ביסלעכווייז הערט מען אויף צו קוקען אויף דער פרוי נור אַלס אויף א מיטעל צום געשלעכטליכען גענוס אָדער צו פערעוויגען די פאַמיליע. די פרוי אַליין הויבט אויך אָן צו בעגרייפען איהר אייגענעם ווערטה אַלס מ ע נ ש און פאָדערט פיר זיך מענשליכע רעכטע. א סך העלפט הערצו דער אומשטאַנד, וואָס די הערשאַפט פון רעליגיאָן ווערט ביסלעכווייז צובראָקעלט, און ליכט דרינגט אַריין אין די מוחות פון מענשען. און פון דעסטוועגען קען נאָך היינט פאָרקומען אָט אַזאַ פאַקט: אויף א פערזאמלונג פון דאָקטאָרען ניט לאַנג צוריק האָט מען דיסקוטירט די פראַגע, אויב מען זאָל געבען א פרוי כלאָראָפאָרם צו פערלינדערען די וועהען ביים געבורט פון אַ קינד. „א שיינע זאַך, כ׳לעבען,“ האָט איינער פון די פערזאמעלטע אויסגעשריען מיט צאָרען, „ווען פרויען זאָלען געבאָרען קינדער אָהן וועהטאַג, וואָס וועט ווערען פון דער קללה וואָס גאָט האָט געשאָלטען אונזער מוטער חוה?“

ווער וואָלט דאָס גלויבען, אז די לעגענדע פון אדם מיט חוה׳ן זאָל האָבען איין איינפלוס אויף אונזער צייט? אָבער אפילו א גע־

בילדעטער מענש קען זיך, הפנים, אויך ניט לייכט בעפרייען פון פאראורטהיילע, וועלכע זיינען איינגעפלאנצט זייט הונדערטער יאהרען, און פון ניט־דענקענדע מענשען, פון דעם המון, קען מען דאס אודאי ניט ערווארטען. ביי העכסט ציוויליזירטע פעלקער, ווי די ענגלענדער און די דייטשען, זיינען דא אלטע, נאך ביז יעצט ניט צוריקגערופענע געזעצע, וועלכע ערלויבען דעם מאן צו טיראניזירען זיין פרוי אויפ׳ן פעאדאלען שטייגער. פ ל א ס ס זאגט וועגען די ענגלישע פרוי פון 17טען און 18טען יאהרהונדערט: „זאבאלד זי הייראטעט, הערט אויף איהר פאליטישע עקזיסטענץ. מען קען זי ניט פערהאפטען פאר שולדען וואס זי מאכט. דער מאן מוז בעצאהלען אפילו די שולדען, וואס זי האט געמאכט פאר דער חתונה. ווען א פרוי האט אין דער אנוועזענהייט פון איהר מאן בעגאנגען א פערברעכען, דורך וועלכען זי האט פערדיענט טויט־שטראף, האט דאס געזעץ אנגענומען, אז מסתמא איז דער מאן געווען דער איני־ציאטאר, און האט זי אויף דיזען גרונד פרייגעשפראכען. וואס א פרוי האט פערדיענט, האט געהערט דעם מאן, און ער האט געקענט אבנעהמען איהרע שכירות". מ י י נ ע ר ס זאגט (ריידענדיג וועגען דער ענדע פון 18־טען יאהרהונדערט): „די ענגלישע געזעצע בעטראכטען די פרוי ניט נור אלס אייגענטהום פון מאן, נור אלס א קינד, וואס האט ניט קיין אייגענעם ווילען. ווען די פרוי ווערט דעם מאן איבערדריסיג, קען ער זי פערקויפען ווי א בהמה."

און אזעלכע פעלע זיינען פארגעקומען אזוי שפעט ווי אין אנ־פאנג פון 19טען יאהרהונדערט. אין דעם יאהר 1803 האט א מאן אין שעפפיעלד, ענגלאנד, פערקויפט זיין פרוי אויפ׳ן מארק פאר א פונט סטערלינג. אין 1808 האט א מאן אין קנארסבארא פערקויפט זיין פרוי פאר 6 פעננים און א וואג טאבאק. נאטירליך זיינען אין אלע צייטען פאראנען מ ע נ ש ל י כ ע מענער, וועלכע זיינען בעסער און שטעהען העכער פון די געשריעבענע געזעצע, און וועלכע בעטראכטען זייערע פרויען אלס קאמעראדען און מיטמענשען; אבער אזעלכע געזעטצע צייגען אן אויף דעם לעגאלען און געזעל־שאפטליבען צושטאנד פון דער פרוי אין דער בעטרעפענדער צייט.

און א שעדליכען איינפלוס האָבען אזעלכע געזעצע אימער געהאַט. זיי האָבען אין דער פרוי אליין איינגעוואָרצעלט דעם בעגריעף, דאָס זי איז א וועזען אָהן א ווילען, אָהן רעכטע, אָהן פעראַנטוואָרטליכ־קייט; דאָס זי איז שוואַך און הילפלאָז, און מוז זיך אימער ווענדען צום מאַן נאָך שוץ און שטיצע. עס זיינען דאָ נאָך היינטיגען טאָג גענוג מענשען, וועלכע דענקען, דאָס עס איז איין אונגליק פיר די מענשהייט וואָס פרויען שטרעבען צו זיין זעלבסטשטענדיג און זו־כען אליין צו פערדיענען. דיזע מענשען קלאָגען, דאָס די וועלט וועט אונטערגעהן פון אזעלכע ראַדיקאַלע איינפיהרונגען: דאָס „עוויג־ווייבליכע", האָבען זיי מורא, וועט פערלאָרען געהן. זיי טענה'ן, דאָס עס איז פיעל אַנשטענדיגער פאַר דער פרוי און פאָרטהיילהאַפטער פאַר דער געזעלשאַפט, אז דער מאַן זאָל פערזאָרגען די פרוי מיט אַלע לעבענסמיטעל, און זיין איהר פאָרשטעהער אין דער געזעל־שאַפט, ווי אויך אין דער פאָליטישער און וויסענשאַפטליכער וועלט.

אין דיעזע פערשימעלטע אַלטע בעגריעפע ליעגט דער וואָר־צעל פון דער פערשקלאַפונג פון דער פרוי. מען האָט אין דער פרוי איינגעפלאַנצט דעם געדאַנק, דאָס זי דאַרף דיענען דעם שטאַאַט דורך האָדעווען פאַר איהם גוטע בירגער; דאָס זי דאַרף דיענען דער קירכע צו בויען א טהראָן פאַר'ן מלכות השמים, און איבערהויפּט דאַרף זי דיענען דעם מאַן, ווייל ער איז דער קאָפּ פון דער פאַ־מיליע און איהר בעזאָרגער און בעשיצער. זי האָט קיינע רעכטע און זי דאַרף זיי ניט האָבען, ווייל זי איז ניט זעלבסטשטענדיג, ניט פער־אַנטוואָרטליך. זי דאַרף גאָר נישט לערנען, גאָר נישט וויסען, נור קענען קאָכען און געבאָרען קינדער, און איבערהויפּט מוז זי אימער פערבויגען, פערניכטען איהר איך. דאָס איז אין קורצען דער בליק אויף די פרוי וואָס האָט ביז ניט לאַנג געהערשט איבעראַל, און וועלכער ווערט נאָך היינט אויך פערטהיידיגט פון פיעלע מענער און פרויען. אָבער פרויען מיט גייסט, מיט פערשטאַנד, רעבעלירען גע־גען אזא אויפפאַסונג פון זייער ראָלע אין דער געזעלשאַפט. זיי ווי־לען לעבען זייער אייגענעם לעבען און ניט מקריב זיין זיך פאַר א

קרבן אויף דעם מזבח פון וואס פאר א גאט עס זאל ניט זיין. זיי זיינען אייך מוחל איהר זאלט זיי פערזארגען; זיי ווילען אליין זארגען פאר זיך און זיין פעראנטווארטליך פאר זייערע אייגענע טהאטען; זיי ווילען אויסאיבען אלע זייערע פעהיגקייטען און לעבען טיעפער און ברייטער ווי פרויען האבען געלעבט ביז אהער.

* * *

אין אנפאנג פון 19־טען יאהרהונדערט איז געווען אנגענומען דאס א פרוי קען ניט פערשטעהן און ניט פיהרען קיין געשעפט; דאס עס איז זאגאר ניט אנשטענדיג פאר איהר צו געהן אייניג אליין אין א געשעפטס־שטראססע. עס האט זיך גערעכענט פאַ־ א שאנדע זי זאל אליין פערדיענען אויפ׳ן לעבען. ווען פרויען פון דער ארעמער קלאססע האבען יא עטוואס פערדיענט, האבען זיי אויף זייער פערדיענסט קיין רעכט ניט געהאט: עס האט געהערט צום מאן. א פרוי האט ניט געקענט מאכען א צוואה אדער פערטיילען איהר פערמעגען. ערשט אין יאהר 1867 האבען די פערהייראטעטע פרויען פון שטאאט ניו יארק געקראגען דאס רעכט צו שרייבען א צוואה. אין דעם שטאאט וואשינגטאן האבען זיי דיזען רעכט ניט געהאט ביז׳ן יאהר 1879, און אין מיסיסיפפי — ביז 1880. אין פראנקרייך האבען פרויען געקראגען דאס רעכט אויף זייערע אייגענע פערדיענסט ערשט אין יאהר 1896.

די טהירען פון העכערע שולען, פון אוניווערזיטעטען זיינען געווען געשלאססען פאר פרויען, ווייל עס איז געווען אנגענומען דאס בילדונג און וויסענשאפט פאסען זיך ניט פאר א פרוי; דאס זי איז ניט געבארען דערצו, דאס זי איז זאגאר ניט פעהיג צו לערנען, ווייל איהר מארך וועגט ניט אזוי פיעל ווי פיעל דער מארך פון א מאן. פרויען פון דער ארעמער קלאססע האבען גאר קיין שום בילדונג ניט גענאסען, און די רייכערע האט מען נור געלערענט שייגע מאניערען, טאנצען, לעזען, שרייבען און מוזיק.

דעם פארטשריט וואס פרויען האבען געמאכט אין דעם 19־טען

יאהרהונדערט האָבען מיר צו פערדאנקען די איינצעלנע ענערגישע פרויען, וועלכע האָבען בעגריפען די נידריגקייט פון זייער לאגע און האָבען אונאויפהערליך געקעמפפט דאגעגען. די מאססען האָבען זיך ענטוועדער צו פריעדען געשטעלט מיט זייער לאגע, אָדער זיי האָבען ניט געגלויבט, אז זי קען געענדערט ווערען. אזוי האָבען, צ. ב. ש., אין יאָהר 1836 צוויי ניו יאָרקער פרויען, ערנעסטינא ראָוז און פאלינא דייווויס, געוואָלט דערלאנגען א פעטיציע אין קאָנגרעס, דאָס פרויען זאָלען האָבען דאָס רעכט צו בעזיצען איי־גענטהום, און זיי האָבען גענומען זיך קלייבען אונטערשריפטען, זיי האָבען אין גאנצען געקראָגען פינף חתימות. אייניגע פרויען האָבען זיי געענטפערט, אז זיי האָבען מורא דאָס די מענער וועלען לאכען פון זיי; אנדערע פרויען האָבען געזאָגט, אז זיי האָבען גענוג רעכטע, און פיעלע מענער האָבען גע'טענה'ט, אז פרויען האָבען שוין זאָגאר צופיעל רעכטע. די פיהרערקעס האָבען זיך אָבער ניט אָבגעשראָקען פאר אזעלכע נארישע עקשנות, און ערנעסטינא האָט זאָגאר געוואגט צו האלטען אן עפענטליכע רעדע וועגען פרויען־רעכטע אין די לעגיסלאטור פון מישיגאן. מיר קענען זיך היינט שווערליך פאָרשטעלען וויפיעל מוטה עס איז דאן געווען נויטיג פאר א פרוי אום צו געהן האלטען אן עפענטליכע רעדע: די רעד־נערין פלעגט מען פערווארפען מיט פוילע ציבעלעס, מיט ניט־פרישע אייער, א. ד. גל. וויסע חברה פלעגען נאָך איהר נאָכלוי־פען אין די גאסען און טייטען אויף איהר מיט די פינגער, און א פרוי האָט געמוזט האָבען א שטארקען כאראקטער אום זיך צו שטע־לען געגען די עפענטליכע מיינונג און אריבערצוטראָגען אלערליי קליינליכע פערפאָלגונגען.

ווען אין דעם יאָהר 1832 האָט איינע א פרוי, פרודענס קראנדאל, געעפענט א שולע פאר נעגער מיידלעך אין קאנטערבורי, קאנעטיקוט, האָט מען זי פערפאָלגט אויף דעם שרעקליכסטען אופן, און מען האָט ענדליך דורכגעפיהרט א געזעץ וואָס האָט איהר פער־באָטען צו האלטען די שולע. דעם טאָג וואָס דאָס געזעץ איז דורכגעגאנגען, האָבען אלע גלאָקען אין די קירכען פון קאנטערבורי

געקלונגען פאר פריידע. פרודענס אליין האט מען צוויי מאל ארעסטירט און מען האט זי פער'משפט. זי האט זיך אבער ניט אבגעשראקען, און האט אפעלירט צום סופרים קאורט. דערוויל איז זי געווען אין חרם. די קרעמער האבען איהר קיין זאך ניט פערקויפט, מען האט זי ניט גענומען פאהרען אויף די קארס; דאקטארען האבען ניט געוואלט בעהאנדלען איהרע שילערינען, איהרע פריינד האבען זי ניט געטארט בעזוכען, און אם ענדע האט מען אונטערגעצונדען איהר הויז.

אין דעם יאהר 1840 האט אין לאנדאן שטאטגעפונען א „ווארלד'ס אנטי־סלייווערי קאנווענשאן", ד. ה., א צוזאמענפאהר פון מענשען, וועלכע זיינען געווען געגען שקלאפעריי. צווישען די אמעריקאנער דעלעגאטען זיינען געווען עטליכע פרויען. די מענער האבען געשטורעמט און גע'טענה'ט, אז אויב מען וועט צולאזען די פרויען־דעלעגאטען, וועט אויף דער קאנווענשאן קיין ארדנונג ניט זיין. אבער די בעריהמטע אמעריקאנער וויליאם ללאיד גארריסאן און נאטאניעל פ. ראדזשערס, האבען זיך ענטזאגט צו זיצען מיט די קאנסערוואטיווע מענער, און זיינען געזעסען אויף דער גאלעריע מיט די פרויען־דעלעגאטען, צווישען וועלכע עס זיינען געווען לוקרעציא מאטט און עליזאבעט קיידי סטענטאן; די לעצטע האבען ביידע געקעמפפט פאר פרויען־רעכטע זייער גאנצען לעבען לאנג.

שטודירען מעדיצין האבען פרויען ניט געהאט קיין מעגליכקייט אין יענער צייט. עס האט זיך גערעכענט ניט פאסיג פאר זיי, און לערנען אטאנאמיע און פיזיאלאגיע האט מען געהאלטען כמעט פאר א זינד. ווען איינע א פרוי, פאולינא דייוויס, האט געהאלטען לעקציעס איבער פיזיאלאגיע און האט זיי דעמאנסטרירט אויף א מאניקין (א פיגור), פלעגען פיעלע פון איהרע פרויען־צוהערערס פערדעקען דאס געזיכט מיט א שלייער, אנדערע פלעגען חלש'ן, אדער ארויסלויפען פון צימער.

ווען עליזאבעט בלאקוועלל האט געוואלט לערנען מעדיצין האט זי געבעטען מען זאל זי צולאזען שטודירען אין די מעדיצינישע

שולע פון זשענעווא, ניו יארק. דאס איז, נאטירליך, געווען א שולע פאר מענער. די פראפעסארען האבען איהר געענטפערט, אז זיי וועלען זיך פערלאזען אויף דעם בעשלוס פון די סטודענטען. אין טיעפען הארצען האבען זיי געהאפט, אז די סטודענטען וועלען זאגען ל א מיט א גרויסען אלף. ווי אויף צו להכעיס האבען די סטודענטען בעשלאסען מען זאל זי אריין נעהמען. זי האט גע־ענדיגט אין דעם יאהר 1848 און איז געווען די ערשטע פרוי־דאק־טאר אויף דער וועלט, וועלכע האט גראדואירט און האט געקראגען א דיפלאם. זי האט דערנאך געלערענט אין פאריז און אין לאנ־דאן, און ווי עס איז היינט איבעראל בעוואוסט האט זי זעהר פיעל אויפגעטהאן פאר פרויען אין דעם סטודיום פון מעדיצין, און איהר נאמען איז היינט געשעצט און געעהרט פון אלע וואס ווייסען ווע־גען איהר טעהטיגקייט. אבער ווען זי האט שטודירט, האבען די פרויען פון איהר „בארדינג־הויז“ ניט גערעדט צו איהר, און ווען זיי האבען זי בעגעגענט אין גאס, פלעגען זיי אויפהויבען זייער שלעפפע און אבקעהרען זיך אן א זייט, זיי זאלען זיך חס ושלום ניט אנריהרען אן איהר. דאס זעלבע פלעגט זי מוזען ליידען פון קליינליכע נשמות אויך ווען זי האט שטודירט אין פאריז און אין לאנדאן.

ווען דר. האננא לאנגשאר האט אין דעם יאהר 1850 געעפענט אן אפיס אין פילאדעלפיא, האבען די אפטייקערס איהר ניט פער־קויפט קיינע מעדיצינען, (דאקטארען פלעגען דאן אליין צוריכטען די רעצעפטען), און זי פלעגט מוזען פאהרען אין ניו יארק איינקוי־פען די רפואות.

אין דעם יאהר 1847, ווען ליוסי סטאון האט געענדיגט איהרע סטודיען אין אבערלין קאללעדזש, האט אייגער פון די פראפעסא־רען איהר פארגעשלאגען, דאס ער וועט אנשטאט איהר לעזען איהר דיסערטאציע, ווייל עס איז ניט שעהן דאס זי זאל לעזען פאר א פובליקום פון מענער און פרויען“. זי האט אבער געזאגט, אז זי וויל ניט מען זאל דאס פארלעזען, סיידען מען זאל דאס איהר זעלבסט ערלויבען צו לעזען. זי האט באלד אנגעפאנגען צו קעמ־

פּפען פאַר איהרע רעכטע און פאַר די רעכטע פון פרויען* אים אַלגעמיין. זי פלעגט דערנאָך דערצעהלען ווי מען האָט זי פיעל מאָל פערוואָרפען מיט אייער, ווען זי האָט געהאַלטען עפענטליכע רעדעס, „אָבער ניט מיט זעהר שלעכטע אייער, ווי מען האָט געוואָרפען אין פריהערע יאָהרען אויף רעדנערינס, וועלכע האָבען געוואַגט צו רעדען עפענטליך, וואָס דאָס ווייזט, אַז דאָס פובליקום איז געוואָרען מעהר טאָלעראַנט". אין דעם יאָהר 1883, ווען אָבערלין קאָללעדזש האָט געפייערט אַ 50 יאָהריגען יובילעאום, האָבען די דירעקטאָרען איינגעלאַדען ליוסי סטאָון אַלס פעסט־רעדנערין. ווען זי האָט געהייראַט, האָט זי צוזאַמען מיט איהר מאַן אָנגעשריבען אַ פּראָטעסט געגען דער אונגלייכהייט פאַר'ן געזעץ פון מענער און פרויען, און זיי ביידע האָבען פערנאַנדערגעשפּרייט דעם פּראָטעסט וואו זיי האָבען נאָר געקענט. ווייל זי האָט דאָס וואָרט „געהאָרכען" ארויסגעלאָזען פון דער הייראַט־שבועה, האָבען זיי ניט געקענט קריגען קיין גייסטליכען, וואָס זאָל זיי מסדר קדושין זיין, און זיי האָבען קוים געקראָגען איינעם אַ ליבעראַלען גלח, אָבער זיי האָבען געמוזט שיקען נאָך איהם פאַר 30 מייל. אפילו ז י י האָבען נאָך אויך ניט פערשטאַנען, אַז מען קען הייראַטען גאַר אָהן אַ צערעמאָניע.

* * *

יעצט לאָמיר זעהן וואָס פאַר אַ פּראָגרעס איז געמאַכט געוואָרען אין דער לאַגע פון דער פרוי פאַר'ן לעצטען יאָהרהונדערט.

כמעט אין גאַנץ אייראָפּא און אין די פעראייניגטע שטאַאטען האָבען יעצט פערהייראַטעטע פרויען דאָס רעכט צו בעזיצען אייגענטהום, צו מאַכען אַ צוואה און אויפצומאַנען שכירות פאַר זייער אַרבייט. אין פיעלע פון די פעראייניגטע שטאַאטען האָט די מוטער דאָס זעלבע רעכט אויף די קינדער ווי דער פאָטער. אין גרויס בריטאַניען, דאָ אין אמעריקא און אין פיעלע אַנדערע לענדער האָבען פרויען דאָס רעכט זיך צו אָרגאַניזירען און האַלטען עפענטליכע רעדעס. זיי האָבען געקראָגען שטימרעכט אין עטליכע אמע־

ריקאנער שטאאטען*, אין איניגע איראפעאישע לענדער און אין אויסטראליען; און פינלאנד האט זיך יעצט אויסגעצייכענט דערמיט, וואס זי האט אויסערוועהלט 19 פרויען אלס אבגעארדנעטע אין איהר פארלאמענט. אזוי וויט האט אונז געבראכט דאס יאהר 1907!

אין בילדונג האבען פרויען געמאכט א גרויסען פארטשריט. די דריי הויפט ארגומענטען וואס מען פלעגט ברייניגען געגען פרויען־בילדונג אין אנפאנג פון 19־טען יאהרהונדערט, זיינען געווען: ערשטענס, דאס א פרויען־געהירן קען ניט בעגרייפען העכע־ע בילדונג; צווייטענס, דאס העכערע בילדונג פאסט זיך ניט פאר פרויען, עס וועט זיי מאכען „מענניש" און זיי וועלען ניט טויגען אין דער ספעציעלער ספערע, פאר וועלכע גאט האט זיי בעשאפען; און דריטענס, דאס עס איז פאר זיי גאר א איבעריגע זאך. אבער די עפענטליכע מיינונג האט זיך בּיסלעכוויז, אבוואהל זעהר לאנגזאם, געענדערט, און פערשטענדיגע מענער און פרויען האבען ענדליך אנערקענט, אז די ארגומענטען האבען קיין גרונד ניט. און היינט האבען מיר דערלעבט דאס כמעט אלע גרויסע קאללעדזשעס און אוניווערזיטעטען זיינען אפען פאר פרויען. דאס פובליקום און די פרעססע מאכען זיך ניט לוסטיג איבער חי שטודירענדע פרויען — פארקעהרט, מען בעהאנדעלט זיי איבעראל מיט גרוים רעספעקט און אכטונג.

א גרויסער פארטשריט איז אויך געמאכט געווארען אין דער היגזיכט פון צולאזען פרויען צו אלערליי בעשעפטיגונגען. אנשטאט דעם וואס אין דעם יאהר 1840 זיינען אין די פעראייניגטע שטאאטען געווען אפען פאר פרויען נאר 7 בעשעפטיגונגען, געפינען מיר, לויט דעם צענזוס, אין דעם יאהר 1900, דאס פרויען ארבייטען אין אלע, אויסער 9, פון די 303 בעשעפטיגונגען, פון וועלכע מענשען פערדיענען צום לעבען. און מיר געפינען דאס זיי טהוען אזעלכע מלאכות וואס א מאל וואלט מען בשום אופן ניט געגלויבט, אז א פרוי זאל דאס קענען טהאן. אזוי, צ. ב. ש., צייגט דער צענזוס אן אויף 5 פרויען לאצמאנען, 45 אינזשענירען ביים אייזענבאהן, 43

פוהרלייטע, 6 שיף־שרייגער, 145 שמידען, 508 מאשיניסטען, 8 קעסעלמאכער, 2 מאטאר־לייט, 2 דאך־מאכערנ, א. ז. וו. אין גאנצען פערהייענען זיך צום לעבען 4,833,630 פרויען אין די פער־אייניגטע שטאאטען.

אלס לעהרערין פערנעהמט די פרוי יעצט א בעדייטענדע שטעלע, איבערהויפט אין אמעריקא. אין 1900 צעהלט דער צענ־זוס אין די פעראייניגטע שטאאטען 327,206 שול לעהרערינס; און אבוואהל זייער געהאלט איז נאך ניט איבעראל גלייך מיט דעם גע־האלט פון די מענער־לעהרער, פון דעסטוועגען ווען מען געדענקט, אז אין 1840 פלעגט א לעהרערין אפט קריגען „א דאלאר א וואך און עסען“, אלס געהאלט, זעהט מען ווי די עפענטליכע מיינונג ענדערט זיך צו גונסטען פון דער פרוי.

די פרוי אלס ארצט האט געמוזט דורכמאכען א שווערען וועג; די ערשטע פרויען־דאקטארען זיינען געוועזען בעליידיגט פון זייערע אייגענע שוועסטער, פון פרויען, אזוי ווי מיר האבען געזעהען איז דעם אויבען־דערמאנטען פאל פון דר. ע. בלאקוועלל. מענער־דאק־טארען האבען ניט געוואלט האלטען מיט זיי קיין קאנסיליום, און מען פלעגט זיי ניט אננעהמען פאר מיטגליעדער אין ערצטליכע גע־זעלשאפטען. יעצט זיינען פרויען־ערצטע ביינאהע איבעראל אנער־קענט, און כמעט אלע מעדיצינשע שולען זיינען אפען פאר פרויען. אין אמעריקא פראקטיצירען אונגעפעהר 8000 פרויען דאקטארען, אין רוסלאנד ווערען גערעכענט בערך 700, און פיעלע הונדערטע אין ענגלאנד און אין אנדערע לענדער. זיי ווערען אנערקענט פון מענער־ערצטע אלס גלייכע קאללעגען, זיי ווערען אויפגענומען אין מעדיצינישע אקאדעמיען, אין ערצטליכע געזעלשאפטען. זיי טהוען טיכטיגע וויסענשאפטליכע ארבייט, מאכען אפעראציאנען מיט מע־נער צוגלייך, שרייבען אין די מעדיצינישע זשורנאלען, און האבען דיזעלבע רעכטע און פריווילעגיען וואס מענער־דאקטארען.

אויך צו דער יוריספרודענץ האבען פרויען געקראגען א צו־טריט; זיי קענען שטודירען און ענדיגען אדוואקאט אין פיעלע פלעצער, אבוואהל זיי איז ניט איבעראל ערלויבט צו פראקטיצירען.

אין אנפאנג פון 19־טען יאהרהונדערט איז א פרוי א רעפאר־טער געווען גאר אן אונערהערטע זאך. היינט זיינען פיעלע פרויען בעשעפטיגט אלס רעפארטערם ביי צייטונגען און שרייבערקעם אין זשורנאלען, און זיי קריגען א גאנץ גוטען געהאלט. עס זיינען דא פיעלע פרויען שריפטשטעלערינס און רעדאקטערע און ארויסגע־בערס פון צייטונגען — און א שרייבערין מיט טאלאנט האט די זעלבע שטעלע אין דער ליטעראַרישער וועלט, ווי א מאן א שרייבער.

אין געזעלשאפטליכען לעבען האבען פרויען זיך עהווארבען א סך פרייהייטען. מיט 40—50 יאהר צוריק האט זיך גערעכענט ניט אנשטענדיג פאר א פרוי צו זיצען אין א ביבליאטעק און לעזען א בוך; ווען א פרוי פלעגט געהן אהן א בעגלייטער אין א גע־שעפטס־שטראססע, פלעגט מען אויף איהר קוקען מיט פערדאכט. היינט פיהרען פרויען די גרעסטע געשעפטען, גייען אין פאהרען איבעראל, האבען זייערע אייגענע ארגאניזאציעס, קלובס און פערזאמלונגען. אמת, די לעגיסלאטור האט נאך דערווייל ניט גע־געבען אלע רעכטע וואס די אהוואקאטען פון גלייכע רעכטע פאר פרויען פערלאנגען, אבער די עפענטליכע מיינונג מאכט ביסלעכ־ווייז קאמפראמיסען, און גיבט נאך איינצעלנע פרויען, וועלכע זיי־נען שטארק גענוג און דרייסט גענוג אלעס וואס זיי פאדערען.

* * *

מיר זעהען אלזא, אז דאס גאנצע שטרעבען פון דער פרוי אין דער נייעסטער צייט איז אין דער ריכטונג פון זעלבסטשטענדיג־קייט. אליין פאר זיך דענקען, זיך פערדיענען אויפ'ן לעבען, זיין פעראנטווארטליך פיר די אייגענע טהאטען, זיך פערלאזען אויף איי־גענע קרעפטען, לעבען אן אייגענעם לעבען — אט דאס בעצוועקען די פראגרעסיווע פרויען, דאס איז דער ציעל פון זייער טהעטיגקייט. פיעלע פון זיי האבען דורך זייער אייגענעם לעבען געגעבען א ביי־שפיעל און געצייגט דעם וועג ווי אזוי צו עררייכען זעלבסטשטענ־דיגקייט. זיי האבען זיך אליין בעפרייט דורך דעם פעסטען בע־

שלום פריי צו זיין. זייער אומגעבונג איז געווען ניט גינסטיג, פארקעהרט, אלעס איז געווען געגען זיי, אָבער זיי האָבען מוטהיג געקעמפפט געגען פּאָראורטהיילע, און געגען אונוויסענהייט, און האָבען דורכגעלייגט א וועג פאר זיך און זייערע נאָכפאָלגערס. יעדער טהאט זייערע, יעדע זעלבסט־שטענדיגע האנדלונג האָט זיי נעהענטער געבראכט צו זייער ציעל, און האָט לייכטער געמאכט דעם וועג פאר אנדערע פרויען וואָס זוכען אונאבהענגיגקייט. זייערע טהאטען האָבען סטימולירט די מוחות צו דענקען, האָבען געגעבען מוטה אנדערע זיי נאָכצופאָלגען, און אויף אזא אופן האָבען זיי געהאָלפען צו ענדערן די בעגריפע וועגען די פעהיגקייטען און אויפגאבען פון פרויען.

אָבער די ארבייט איז נאָך ניט געענדיגט. עס זיינען נאָך דאָ היינטיגען טאָג פיעלע מענער און פרויען, וועלכע האלטען זיך פעסט אָן חי אלטע מיינונג וועגען דער פרוי און דעם קרייז וואָס די נאטור האָט פאר איהר בעשטימט. זייער מיינונג איז, דאָס די פרוי דארף לעבען צוליעב דעם מאַן, שאפען איהם פערגניגען, אויפפאסען זיין הויז און ז. וו. און ער זאָל זי דערפאר שיצען און שטיצען (און אָפטמאָל אויך אָבנארען און בעטריגען.) זייער מיינונג נאָך איז די פערהעלטניס פון דער פרוי צום מאַן געראדע ווי פון א קינד צו א דערוואקסענעם; און לײדער זיינען דאָ פיעלע פרויען, וואָס לאָזען זיך געפעלען צו שפיעלען אזא קינדערשע ראָלע, ווייל זיי האָבען קיינמאָל ניט פערזוכט דעם טעם פון זעלבסטשטענדיגקייט. אָט דיזע פרויען מוז מען אויפמערקזאם מאכען אויף די מעגליכקייט פון א העכערען לעבען, ערוועקען אין זיי א שטרעבען, וואָס ענדיגט זיך אין דעם, ווי דער רוסישער דענקער נ. ק. מיכאילאָווסקי האָט זיך אויסגעדריקט, „דאָס מען וועט אויפהערען צו קוקען אויף דער פרוי ווי אויף א טייפעל אָדער א האלבען־גאָט, נאָר מען וועט זי בעטראכטען פאר א מענש מיט אלע מענשען גלייך.“ מען מוז די קאָנסערוואטיווע מענער און פרויען אָנצייגען, אז איינצעלנע פרויען האָבען אימער געשטרעבט צו דיעזען אידעאל, און אייניגע האָבען איהם ערר״יכט, אָבוואָהל דורך פיעל

שוויריגקייטען. מען מוז זיי אנמערקען, אז פרויען זיינען פעהיג צו שאפען און לייסטען אין אלע צווייגען פון מענשליכע בעשעפטיגונג, ווען זיי האבען נור הערצו די נייגונג און דעם פעסטען ווילען. מען דארף זיי אנדייטען אויף די פאלשע בעגריפע וואס זיינען דער פונדאמענט פון פרויען פערשקלאפונג, און זאגען צו די פרויען אליין: דענקט אונאבהענגיג, פערלאזט זיך אויף זיך זעלבסט, זייט פריי!

ע נ ד ע.